3163

Hebr. Ej. 761
Toledot Jehonatan

# תולדות יהונתן

דיא בייא שרייבונג פון דעם גרויסען גאון און דעם צדיק הר״ר
ר׳ יהונתן אייבעשיץ זצ״ל · אדער ר׳ יהונתן פרעגר
אין דיא גרויסע מחלוקת וואס איז געוועזין צווישען איהם אין
צווישן ר׳ יעקב עמדין אין דעם פני יהושע ארויס גינומן
פון ספרים אין ריכטיגע קוועלען ·

---

אויך וועט דא ווער צייל׳ט דיא גישיכטע פון שבתי צבי ימ״ש.

# בלובלין

26.

Hebr. Ej 961
Toledot Jehonatan

# תולדות יהונתן

דיא בייא שרייבונג פון דעם גרויסען גאון און דעם צדיק הרה״ר
ר׳ יהונתן אייבעשיץ זצ״ל · אדער ר׳ יהונתן פראגער
אין דיא גרויסע מחלוקת וואס איז געוועזין צווישען איהם און
צווישן ר׳ יעקב עמדין און דעם פני יהושע ארויס גינומן
פון ספרים און ריכטיגע קוועלען ·

---

אויך ווערט דא דער ציילט דיא גישיכטע פון שבתי צבי ימ״ש.

## לובלין

בדפוס המשובח של הנגידה האלמנה
מרת נחמה תחי׳, אשת המנוח ר׳ יעקב ז״ל הערשענהארן
ר׳ שלמה שמעון נ״י שטרייזבערגער, ור׳ מנחם מענדיל נ״י שניידמעססער.

---

## ТОЛЬДАТЪ IОНАТАНЪ

Въ Типогрфiи Н. Гершенгорнъ, Ш. Ш. Стразбергеръ,
и М. Шнайдермессера.
Люблинъ, 1911 г.

# אזהרה

זכות הדפסת ספר זה קנינו מאת המחבר נ״י לחלוטין. וידוע שאסור
לשום איש להדפיס את הספר בלתי ידיעתינו הן מצד דין תורה הקדושה.
והן מצד דינא דמלכותא ולהשומע יונעם ותבוא עליו ברכת טוב.


המדפיסים { יעקב הערשענהארן נ״י
משה שניידמעססער נ״י

# הקדמה

וויר פון אונזערע יודען האבען נישט גיהערט פון דעם גאון און דעם צדיק הה"ר רבי יהונתן פרעגיר ז"ל . דער מחבר פון תומים און אנדערע ספרים . ווער ווייסט דאס נישט דיא גרויסע מחלוקת וואס איז געוועזין צווישען אים אונד ר' יעקב עמדין . אבער דיא ביא שרייבונג פון זיין תולדה אהן איז גאנץ וויניג מענטשין בעקאנט . בפרט צוא וויסען פאדראבנאסט דיא גאנצע מחלוקת איז גאנץ שווער . פון דיזעס ביכעל ווערט דער לעזער אלעס גענויא וויסען וואס דעמאלט האט זיך גיטאהן אויף דער גאנצער וועלט . עס איז דער פון א מוסר אראפ צוא נעמין פאר יעדען יוד מען זאל זיך ניכט איילין דעם אנדערען חושד צוא זיין ביז וואנען מען זאל וויסען ריכטעג אזוי וויא דיא קלארהייט פון דער זון . אונזערי חכמים זאגען הוה דן את כל אדם לכף זכות זאלסט דן זיין יעדערן מענטשין צוא דער גוטע זייט . ווען ר' יעקב עמדין וואלט דיזע הייליגע ווערטער גיהאט שטענדיג פאר זיינע אויגען וואלט ער ר' יהונתנם בלוט נישט אזויא פיל פאר גאסין היינט זענען זייא ביידע אין גן עדן אין האבען זיך גיווים אויס גיגלייכט .

# תולדות יהונתן

## א

דאס לאנד פוילין איז בערימט פון אייביג אהן פאר איין ארט פון תורה און יראה · גרויסע גאונים האבען דא גילעבט אין די הייליגע תורה אויס גיברייט · זיא האט ארויס גיגעבען רבנים פאר א האלבי וועלט · כמעט אלי גאונים · די זיילין פון דער אידישע אמונה זענין פולישע גיוועזין · אזוי ווי דער רמ״א דער ש״ך · דער ט״ז · און הונדערט אזעליכע וואס דא איז נישט דס ארט זיי אלע אויס צו רעכינען · אוך הגאון הר״ר יהונתן אייבעשיץ דער מחבר פון תומים און אנדערע הייליגע ספרים איז אין פוילין גיבארן גיווארן · אין דר שטאט פינטשאו אין ראדעמר גיבערנע *) · אין דעם יאר ת״נ (1690) · זיין עלטער זיידע פון דער מוטערס צד איז גיוועזין הגאון ר׳ נתן שפירא דר מחבר פון דעם בארימטן קבלה ספר מגלה עמוקות און איז גיוועזין א רב אין קראקע זיין זיידע פון דער מוטערס צד איז גיוועזין הגאון ר׳ ליב צינץ א רב אין פינטשעוו · אוך איז ער גיוועזין פון דעם מהר״ם שיפס משפחה · זיין פאטער ר׳ נתן אגרויסער למדן איין בעל קבלה איז גיווארען א רב אין אייבעשיטץ א שטעטיל אין מעהרען · און דער פאר האט ער אויך גיהייסין ר׳ יהונתן אייבעשיטץ · דער פאטער האט דארטן מיט אים אן גיהויבין גמרא צו לערנין אבער באלד איז ער גישטארבען און ר׳ יהונתן איז א קליינער יתום גיבליבען · האט זיך א רייכער מאן פון זויהן דער בארומט אויף אים און האט עם גינומען צוא זיך קיין וויהן · און האט עם גיגעבען אלץ וואס האט גידארפט · זיין מוטער שיינדיל האט אבער מורא גיהאט איר טייער קינד זאל נישט אין דעם רייכין הויז פאר דארבען ווערין · האט זיא אים פון דארטן אפ גינומען און האט אים דער צויגען און ארומקיים צו דעם איינציגען תכלית וואס איר הארץ האט דער נאך גיגלוסט · דאס הייסט ער זאל אמאהל ווערין א בארימטער רב ביא יודין · אבער נישט לאנג האט זיך די ארעמי מוטער גיפרייד מיט איר קינד · באלד איז זיא גיווארן אפ גירופען אין א אנאנדער וועלט · און אונזער ר׳ יהונתן הט אויך זייני ליבע מוטער פאר לארין · ער איז נעביך גיבליבן שטיין אליין אוף דיזע וועלט · אבער זייני איינציגע טרייסטונג אין דער קוויקונג האט ער גיפונען אין דער הייליגע תורה · ביז זיין נאמען איז בעקאנט גיווארען וייט און ברייט · דער רב פון ווין און גאנץ הונגארען הגאון ר׳ שמשון ווערטהיימר האט גיהערט פון דעם קליינים ר׳ יהונתן האט ער אים גיוואלט נעמין פאר איין איידים · אבער אוך אין דיזער זאך האט ער קיין גליק נישט גיהאט וייל עם האט זיך באלד גיפונען א קאנקורענט אויך אוואל יונגיל · און יענער איז שענער גיוועזין פאר ר׳ יהונתן · האט ר׳ שמשונס טאכטער בעסיר יענעם גיוואלט · אבער אויך פאר אים האט זיך באלד דיא באשערטע גיפונען ר׳ יצחק שפירא דער לאנד רב פון בעהמענלאנד הט גיהאט איין איינציגע טאכטער עלקעלי · זיא איז גישטאנין אין די גרעסטי שדוכים מיט קינדער פון רייכע עלטערן · אבער ר׳ יצחק האט נאר א גרויסע למדן גיזוכט פאר זיין טאכטער און ווי ער האט גיהערט פון דעם ר׳ יהונתן האט ער באלד צו אים גישריבען ער זאל צוא אים קומען · און האט אים ארויס גישיקט פיל געלד ער זאל שיינע מתנות קויפין פאר דער כלה · ר׳ יהונתן הט דעם פארשלאג אנגענומען · עס איז עם אויך זייער גוט גיוועזין ביא זיין שווער · וייל ער איז אים גיוועזין ווי א וואהרער פאטער · ער האט פאר אים גיזארגט ער זאל קענען ווייטער קומען אין זיין למוד און וויא ער איז אלט גיווארן אכצען יאר האט ער באקומען א כתב רבנות פון דער שטאט יונגבונצלויא אין בעהמען ווי זיין שווער איז אמאל רב גיוועזין · אבער ער הט דאס רבנות נישט אן גינומען · ער איז גיצויגען נאך פראג דארטן איז ער גיזעסן לערך צוויי יאר דער נאך איז ער גיפארען נאך האמבורג אונד איז דארט א פאר יאר גיבליבן · ווארום דארט הט גיוואוינט זיין ווייבס א זיידע ר׳ מרדכי כהן איינער פון דיא גרעסטע רייט האמבורגרם. אונ האט גיהאט

גילעגינהייט

*) אנדערע זאגען דאס ער איז אין קראקי גיבארען גיווארען ·

גילעגענהייט אין זיינע קענטשאפט נאך ווייטער צוא קומען:

דיא שטאט פראג איז געוועזין אין יענער צייט דער גרעסטער מקום תורה. גרויסע גאונים האבן
אין איר געוואנט אין הונדערטער יונגע לייט זענען דארטין פון אלע עקין וועלט געקומען.
צו לערנען אין דיא גרויסע ישיבה. אין דעם זעלביגען בית מדרש וואס דער גרויסער ר' ליב
אדער מהר"ל מפראג האט געבויעט. דארטין זענען דיא בחורים געזעסין אין גילערינט אונ דיא
שטאט לייט האבין זייא פערזארגט מיט אלע באדערפניש. זייא האבין קיין געלד נישט געשפארט.
וויל זייא האבין זייער ליב געהאט דיא תורה. אויך האבין זיי גיזארגט פאר דיא הייליגע אמונה
זיא זאל שטייען אין איהר ריינקייט אין זאל נישט קאלע ווערין. דער צו האבין זיי גיהאלטען
אבערימטען בעל דרשר ער זאל אלע שבת זאגין א דרשה מיט מוסר. צו שטראפין דעם עולם
אונ זיי צו לערנען דעם גוטן וועג זיי זאלין וויסין וויא ערליכע יודין אונ ערליכע מענטשין צו זיין:
אין דער זעלביגע צייט איז געשטארבען דער פראגער בעל דרשר ר' שמעון בקויפען. האבן דיא
קהלס לייט געזוכט נאך ר' יהונתן ער זאל דיא שטעל אן נעמין. חאטשו ער איז נאך א יונגער
מאן געוועזין. ווארום אויסער זיין גרויסקייט אין לערנען איז ער אויך א גרויסער בעל דרשר
געוועזין אין פעריל האבין זיך גישיט פון זיין מויל אזוי וויא מיר זעהן פון זיין ספר יערת דבש.
ר' יהונתן איז געקומען נאך פראג אין האט דיא שטעל אן גינומען. אויך האט ער גיפיערט איין
ישיבה פאר פיל יונגע לייט וואס האבין גיטרינקען אין דארשט זיינע רייד. אין האבין זיך דער
קוויקט פון זיין תורה. זיין התמדה איז געוועזין גאר איבער דער נאטור. כמעט דיא גאנצע וואך
הט ער דיא קליידער פון זיך נישט אויס גיטאן אין קיין שלאף נישט געגעבין צו זיינע אויגין אפילו
בייא עסין פלעגט ער ארום גיין פערטראכטעהייט אין קלערין איבער דיא תורה אין ווען ער האט
גיהאט איין גיטען חידוש איז ער גיקומען מיט שמחה צו דיא תלמידים אין האט זייא גיזאגט
וואס ער האט מחדש געוועזין. אבער נישט נאר אין דער תורה איז ער גרויס געוועזין. ער האט
אויך אנדערע חכמות גיקענט. ער איז געוועזין באקאנט אין דר וועלט געשעכטע. אין געאגראפיע.
מאטהעמאטיק. אין תכונה אונ אין דער פילזאפיע. אויך אין מעדיצין איז ער באקאנט געוועזין.
דורך דעם איז זיין נאמין אומעטום בעקאנט געווארען. נישט אזוי צווישין יודין. נאר אויך דיא
קריסטען האבין איהם זעהר געאכטעט אין מענער וואס האבין גיהאט גרויסע שטעלין אין דער
רעגירונג. האבן זיך מיט עם אצות גיהאלטין. אונד זייער טיר איז שטענדיג געוועזין אפען פאר
איהם מיט דיא קאטוילישע פריסטער פלעגט ער שטענדיג וויכוחים צו האבין אין דער אמונה.
אין האט געוויסט מיט גרויס חכמה זיינע הייליגע אמונה צו פערטיידיגען. אונ זיך צו פערשאפען
כבוד אין לויב. אויך דער ארצעפיסקופ פון פראג האט איהם זייער גיאכט אין ר' יהונתן האט
איין מאל בייא איהם געפועלט זייער איין וויכטיגע זאך פר זיינע ברידער אין זיין ספר יערת דבש
געפינען מיר פיל קליגע זאכין וואס ער האט געענפערט דיא גרויסע לייט וואס זייא האבין עם
שטענדיג קשיות גיפרעגט. איין ענטפער וואס ער האט אמאל א גרויסען שררה געגעבין וועלין
מיר דא שרייבין. כדי דער לעזער זאל האבין איין בעגריף פון זיין גרויסע חכמה. איין מאל האט
איהם אגרויסער מאן גיפרעגט ער זאל עם ערקלערין דיא ווערטער פון דער גמרא אין עירובין
דף כ"א ע"ב דס דיא ווערטער פון דיא תנאים זענין שטרענגער וויא דיא ווערטער פון דר תורה
ייטץ זאגט ער. איז דס מיגליך דס דיא גיזעטץ וס מענטשין האבין גימאכט זאלען שטרענגער
וויכטיגער זיין וויא דיא ווערטער וואס גאט אליין האט גיזאגט אויפין בארג סיני. דער פון
נאר א ראיה דאס אייערע חכמים זענען געוועזין בעלי גאוה וויל זייא האבין זיך
בער גישטעלט וויא דיא תורה. אבער ר' יהונתן הט עם קלוג געענטפערט. מיט דיזע ווערטער
א מיין הער וועסט אליין זאגין דאס זייא האבין רעכט. שטעל דיר פאר דיא ביסט איין גרויסער
זעהר גיאכט ביים קיסר. אין האסט א גרויסע שטעל אין דיא רעגירונג. ווען דיא זאלסט
למשל הייסין איך זאל גלייך פון דיין שטוב ארויס גיין אין איך וויל דיך נישט פאלגין האסטו

# תולדות יהונתן

דאס פילע רעכט מיך לאזין ארויס ווארפין . מיך לאזין בינדין מיך לאזין תפוס זעצען . אבר מיר דאס רעכין צו נעמען האסטו גיוויס קיין רעכט נישט . אונ ווען דיא ערלויבסט זיך מיר יא צו טייטין . וויסטו געוויס ווערין בעשטראפט אונ וועסט פערלירען דיין חן ביים קיסר . ווארום דער חטא וואס איך האב קענין דיר גיטאן איך האב דיך נישט גיוואלט פאנגין . האב איך נישט פארדינט דעם טויט . נאר א שטראף . אבער ווען איך גייא פון דיר אוועק אין גייא פערבייא פאר דעם סאלדאט וואס שטייט אויף קארויל פר דיין פלאטץ ער שרייט צו מיר ווערדא איך ענטפער אים ניט . ער שרייט צו מיר האלט אין איך פאלג עם נישט אונ ער נעמט אונ שיסט מיך טויט אנידער וועט ער דר פאר בעשטראפט ווערין . איך מיין דם ער וועט נאך דער פאר אנאנדערע קרינגען ווייל ער האט גיהאט זיינע שילדוקייט צו טאן . איצט וויל איך דיך פרעגין . פאר וואס ווען דיא הייסט מיך ארויס גיין פון דיין שטוב אונ איך פאלג דיך נישט טארסטו מיך נישט טייטען אונ ווען דער סאלדאט שרייט צו מיר האלט אונ איך פאלג אים נישט מעג ער מיך יא טייטען . דער טעם דער פון איז אבער אזוי . ווייל דר גימיינער סאלדאט שטייט פיל נידעריגער וויא דיא דעריבער מוז מען עם אנדערע מאכט געבן כדי מען זאל פאר אים מורא האבען : ווארום ווען נישט דאס וועט עם קיינער נישט פאלגען אונ דער פון קען דאך דיר אויך אגרויסר שאדען זיין . ווארום עם קען זיך אריין חאפין בייא דיר איין גנב אמערדער אין דיר שלעכטס טאן . דיא אבער שטייסט אין דיין ראנג גאנץ הויך . דיינע ווערטער אליין האבין שוין גענוג קראפט אויף דעם אנדערין צו מאכען אמורא אונד דיר צו שאפען רעשפעקט מען זאל דיך הארכען . דאריבער דארף מען דיר אזויא גרויס מאכט נישט געבען דאס דיא זאלסט איטליכן וואס פאלגט דיך ניט מיט דעם טויט באשטראפען . אזוא איז דאס אויך מיט דיא מצות פון דר תורה ווייל גאט אליין האט זייא גיבאטין האבען זייא שוין דיא מאכט גענוג צו ווירקען אויף דעם מענטשען ער זאל זייא הארכען . אבער דיא מצות וואס אונזערע חכמים האבען גיבאטען קענען דיא מענטשען לייכט עובר זיין . דאריבער הט מען צו גיגעבען צו זייא מער שטרענגקייט אונ שארפקייט כדי דער מענטש זאל פאר זייא מורא האבען אין זאל זייא מקיים זיין וויא דיא חכמים האבען גיהייסען :

אזעלכע אנטווארטען האט ר׳ יהונתן שטענדיג געגעבין דיא שררות אין דיא כומרים אין מען קען שוין פערשטיין וואס פאר איין איינדרוק האבען גימאכט זיינע ווערטער אויף זיי . אויך בייא דר מלוכה איז ער גיוועזען גיאכטעט . ער האט גיקריגען ערלויבעניש צו דרוקען ש״ס מיט זיין צענזורייע אין האט ווירקליך אן גיהויבין צו דרוקען אין פראג אין יענער צייט איז דאס נאך אזעלטענע זאך גיוועזען . ער האט אבער נאר געדרוקט סדר זרעים *) מעהר איז נישט געדרוקט גיווארען . דיא סבה פאר וואס ער האט אויף גיהערט צו דרוקען איז נישט בעקאנט געוויס מוז דיא סבה זיין ווייל דיא צענזורייע איז גיוועזען צוא שטרענג אין האט געמוזט פיל ארויס ווארפין :

---

## ב

דער בארומטער נאמען פון ר׳ יהונתן איז גיווארען מעהר אונ מעהר אויס גיברייט אין דיא גרעסטע רבנים האבען צוא אים שאלות ותשובות גישיקט איבער פערשידענע פראגען ער האט איטליכן ענטפער גיגעבען . אונ זיינע רייד זענען גיווארען אן גינומען אזוא וויא דיא רייד פון איין פוסק . אין דיזער צייט איז גיוועזען אין פראג א רב ר׳ דוד אפענהיים . אונ ווען ער פלעגט אוועק פארע

*) דאס שטעהט אין דער הקדמה אם כרתי ופלתי

פלעגט ר׳ יהונתן זיין דער שטעל פערטרעטער . דר נאך וויא ר׳ דוד אפפענהיים איז גישטארבען האבען דיא דיינים אויס דער וויילט ר׳ יהונתן צום ראב״ד (ראש בית דין) ווייל זייא האבען אים געליבט אונ געאכטעט אין ער האט פערטרעטען דיא שטעל פון אלאנדרב . בייא איין דין תורה איז ער אונפאר טייאיש גיוועזען . אזוא וויא מיר זעהן פון דער דין תורה וואס זיין שווער האט גיהאט מיט איינעם וועגען א פאלש וועקסיל . דיא מעשה איז אזוא גיוועזן . זיין שווערס פאטער איז גישטארבען אין האט א גרויסע ירושה איבר גילאזט . אבער עס האט זיך געפונען איינער וואס האט אויף געוויזען דאס ער הט א וועקסיל וואס דער פאטער פון זיין שווער האט אים גיגעבן . זיין שווער ר׳ יצחק שפירא האט גאנץ גוט געוויסט אז זיין פאטער האט קיין וועקסיל נישט אויס גישטעלט אין דער וועקסיל איז פאלש זענען זייא גיקומען צו איין דין תורה פר די דיינים ר׳ יהונתן איז אין דער דין תורה נישט גיזעסען ווייל ער איז פסול גיוועזען לדין פון דעסט וועגען האבן דיא דיינים זיך מיט אים מיישב גיוועזען . אונ ער האט אויס גיוויזען דאס זיין שווער מוז באצאלען דעם וועקסיל *) :

אין דיזער צייט איז ליידוג גיווארען דר כסא הרבנות אין מעטץ די הויפטשטאדט פון עלזאס לאטרונגען . אין ר׳ יהונתן איז גיווארען בארופען דם רבנות אין מעטץ אן צו נעמען . דאמאלס זענען גיוועזען גרויסע מלחמות צווישן פראנקרייך אונ בעהמען די רייזע פון פראג נאך מעטץ איז גיוועזען פר אים זייער גפערליך אבר דיא מעטצער קהלה האט אויס גיפוילט בייא דעם פראנצויזישען גענעראל מען זאל עם פרייא דורך לאזען . ער איז ארויס גליקליך פון פראג איידער דער באיערישער קיניג האט דיא שטאט איין גינומען . אבער זיינע זאכען אונד זיין ביסיל פערמעגען האט ער גימוזט לאזען אין פראג . אין ער האט דער נאך אלץ פאר לארען . דאס האט אים זייער גישמערצט ווייל ער איז דאדורך גיווארן אויף גיהאלטן צו דרוקען זיינו ספרים . זיין רייזע נאך מעטץ איז גיוועזען מיט גרויס פאראד . אין אלע שטעט אין וועלכע ער איז דורך גיפארען האבן זיך צו נויף גינומען יונג אונד אלט ארום זיין וואגען . פון דעם הייליגען מאן גיבענטשט צוא ווערען זיין נאמען איז באקאנט גיווארען ארום אונ ארום אונ פיל יונגע לייט האבן ניצויגען נאך מעטץ צו לערנען אין זיין ישיבה אויך זענען מיט אים מיט גפארען פיל תלמידים פון פראג . ער הט אויך פאר זייא גיזארגט זייא זאלען האבן זייער אויס קומען בכבוד כדי זייא זאלן קענען זיצן אונ לערנען בהרחבת הדעת . אויך האט ער גיזעהן דם דיא תלמידים זאלען אויך ערליכע יודן זיין דען עס איז גוט בעקאנט דיא ווערטער פון גמרא ווייא איז צו דעם מענטשען וואס מאכט איין פאליץ אין מאכט צו אים קיין טיר נישט . אזוי איז תורה אן יראה . דיא תורה איז דער פאליץ אין דיא יראה איז דיא טיר צום פאליץ דער וואס לערונט תורה אין איז נישט פרום באשמוצט ער גאר די תורה הקדושה :

*) דאס שטייט אין תומים אין קיצור תקפו כהן

צויך פר דעם פאלק הט ער גיזארגט זיי זאלען פעסט האלטען אן דעם יודישקייט
אונ יעדען שבת האט ער גיזאגט א דרשה פול מוסר אין יראה, אזויא וויא
מיר זעהן דיא דרשות אין יערת דבש · ער איז אויך גיוועזען דער ערשטער וואס
האט מחבר גיוועזען איין קיצור שלחן ערוך אין פראסט יודיש פאר דעם המון
זייא זאלען וויסען וויא זיך צוא פירען · אונ ער שרייבט אין זיין ספר יערת דבש
חלק ראשון דיזע רייד · איך ווייס דאס פיל מענטשען וועלן פון מיר לאכען וואס
איך שרייב איין ספר אין פראסט יודעש · אבער עס איז בעסער צו זיין איין נאר
אין גאנצען לעבען איידר צו זיין איין שעה א דשע פאר גאט · ווייל גאט קען מיך
באשטראפען פר וואס איך האב נישט אכטונג גיגעבען אויף דיא היילוגע אמונה
זיא זאל אויך גיהאלטען ווערען בייא דעם פאלק׳ פון דיזע רייד אליין קענען מיר
שוין פערשטעהן וואס פאר א צדיק ר׳ יהונתן איז גיוועזען ער האט זיך אראפ
גילאזט אויך אזעלכע חבורים צוא שרייבען וואס ברענגען קיין כבוד נאר בלויז
אוים ליבע צו דער היילוגע אמונה:

אכט יאר איז ער רב גיוועזען אין מעטץ מיט גרויס כבוד אין אכטונג · אין דיזע
צייט איז גישטארבען אין האמבורג דער רב הגאון ר׳ יחזקאל קאצענעליבויגען
דער מחבר פון שו״ת כנסת יחזקאל · האבען דיא ראשי הקהל פון דיא דרייא
שטעט אלטונא האמבורג אונ וואנדזבעק גישיקט א כתב רבנות צו ר׳ יהונתן אין
מעטץ · ער האט דס רבנות אן גינומען א״נ איז גיוועזען דער מיט זייער צוא
פרידען · ווייל איצטערט האט ער גוט האפענונג גיהאט צו דרוקען זיינע חבורים
וואָרום אין האמבורג איז דאמאלס א גרויסע דרוקערייא גיוועזען אונ אין מעטץ
איז קיין דרוק נישט גיוועזען · ער איז מיט גרויס פאראד עמפפאנגען גיווארען אין
האמבורג · אונ בשעת ער איז אריין גיקומען אין זיין וואנונג וואס דס קהל האט
פאר אים גידונגען האט ער אוים גירופען מיט פרייד · פה אשב כי אויתיה ·
דאס הייסט דא וועל איך וואנען ווייל איך האב דער נאך גיגלוסט · אבער נישט
אזויא וויא דער מענטש דענקט אזויא מאכט גאט · דא אין האמבורג האט זיך
איצט אנגעהויבען שווערע וואלקען צו ציען איבער זיין הימל אונ האבען זיין לעבי
פערפונצטערט · דארט האט זיך יעצט זיין אומגליק אנגעהויבן אונ האט פון
אים נישט אפ גילאזט ביז זיין טויט אזו וויא מיר וועלן ווייטער דער ציילען נאר
איידער מיר וועלען ווייטער שרייבען זיין לעבענס געשיכטע וועלען מיר פריער
בעקאנט מאכען דעם לעזער מיט דער גישעכטע פון דעם שבתי צבי ימ״ש וואס
האט דיא וועלט מדעיש גיוועזען מיט זיינע פערפלוכטע חברה לייט:

ג

## דיא גישיכטע פון שבתי צבי ימ״ש

אין יאר שפ״ה (1625) האט גיוואנט אין דער שטאט איזמיר (זמירנא) א פערד
הענדלער אין א מעקליר בייא די שיפע. ער האט גיהייסן מרדכי צבי ·

עס איז גיבארען גיווארען אין דיזעס יאר איין זון אין האט אים א נאמען גינעבן שבתי · די נאטור האט עם בעשענקט מיט שיינקייט אין א גוטן קאפ · אז ער איז פופצען יאר אלט גיוועזין האט ער שוין גאנץ ש״ס גיקענט אין האט אויך גיהאט א גרויסע ידיעה אין קבלה . א רעבין האט ער שוין נישט גידארפט · נישט אין נגלה אין נישט אין נסתר · פון דיזע צייט אן האט ער זיך נאר פאר שעפטיגט מיט דער קבלה אין האט זיך אין איר אזוי פאר טיפט דאס דיא רבנים פון איזמיר זענען פאר ווינדערט גיווארן איבער זיינע גרויסע קענטשאפט אין דער קבלה אין האבן אים גיגעבן דעם טיטעל חכם דאס באטייט אזו וויא ביי אונז איז גיוועזען אמאל דער טיטעל מורנו · פון איצט אן הט ער אן גיהובן צוא לערנען קבלה מיט תלמידים אין זייער פיל יונגע לייט מיט אלטע האבן זיך פאר זאמולט אין זיין וואנונג צו לערנען פון אים דיא חכמת הקבלה אן גיטאן אין טלית אין תפילין · עטליכע מאל אין דער וואך פלעגט ער מיט זייא ארויס גיין צום ברעג פון ים אין פלעגין זיך טובל זיין אין ים אין דער נאך פלעגין זייא דעם גאנצען טאג פאסטען · ער אליין האט נישט פאר זיכט קיין עסין די גאנצי וואך נאר משבת לשבת · אין מיטען נאכט פלעגט ער ארויס גיין צום ים · אין האט זיך טובל גיוועזין אין דעם רייסעדיגען וואסער וואס ביי טאג איז אויך גיוועזין א סכנה זיך דארטון צוא טובלען · אין נאך אלע זיינע תעניתים אין סגופים האט זיין פנים גישיינט וויא דיא זון · דאס מען האט נישט גיקענט קוקען אויף אים . זיין גוף איז גיווארען פילער אין שטארקער פון טאג צו טאג ווי ער איז אלט גיווארען צוואנציג יאר האט ער חתונה גיהאט מיט זייער א רייכן מאנס טאכטער · אבער ער האט זיין ווייב נישט אן גערירט · זיא האט פון אים פאר לאנגט אדער ער זאל איר בעהאנדלען וויא א מאן איז מחויב אדער ער זאל איר געבין גט · ער איז מרוצה גיווארען איר צוא געטין · אזוי האט ער אויך זיך ביא גאנגען מיט א צווייטע ווייב זיינע גוטע פריינד האבען אים גיפרעגט ער זאל זייא זאגען וואס דאס בעטייט עס איז דאך נישט יודישע אזו צוא פירען ער האט זייא גיענטפערט דאס דער רוח הקודש האט אים מגלה גיוועזין דאס דיזע צווייא ווייבער זענען נישט גיוועזען זיין זיווג :

מען דער ציילט אויך אז פון זיין קערפער האט זיך גיהערט א געשמאקען ריח · אזו וויא פון דיא טייערסטע פארפומע · זיין הויז דאקטער האט אים אוס גירעד דאס עס פאסט נישט פאר אזא מענטשען וויא ער זאל זיך שמירען מיט פארפומע · שבתי צבי האט אים גיענטפעדט דאס ער קען זיין גוף אונטער זיכען אין זיך איבער צייגען אויב ער שמירט זיך מיט פארפומע אדער נישט · דער דאקטער האט אים אונטער גיזוכט אין האט גיזעהן דאס דער ריח איז נית פון פארפומע נאר ער גייט פון זיין גוף ארויס האט ער אים גיפרעגט פון וואנן איז דאס גיקומען דאס זיין גוף שמעקט מיט אזא שיינעם ריח · האט שבתי צבי אים גיענטפערט דאס די אבות זענען איינמאל צו אים גיקומען אין האבען

אִים גִיזַאלְבְּט מִיט דֶעם רֵיחַ פוּן גַן עֵדֶן *) :

פְרֵיגְט הָאט שַׁבְּתַי צְבִי גִיהַאלְטוּן זַיינֶע דְרָשׁוֹת אִין קַבָּלָה בַּייא זִיךְ אִין דֶער הַיים · אָבֶּער דֶער נָאךְ הָאט עֶר אָן גִיהוֹיבֶּען צוּ זָאגֶען זַיינֶע דְרָשׁוֹת אִין דִיא גַאסֶען אִין אוֹיף דִי לֵיידִיגֶע פְּלֶעצֶער · אִין טוֹיזֶנְטֶער מֶענְטְשֶׁען הָאבֶּען זִיךְ פַאר זַאמֶעלְט אַרוּם אִים צוּ הֶערֶען זַיינֶע סוֹדוֹת הַקַבָּלָה אִין הָאט נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶען שֵׁם גִיקְרִיגֶען · זַיין נָאמֶען הָאט גִיקְלִינְגֶען ווַייט אִין בְּרֵייט ווִיא עֶר אִיז אַלְט גִיוֶועזִין 24 יָאר הָאט עֶר מְגַלֶה גִיוֶועזֶען זַיינֶע תַּלְמִידִים דָאס עֶר אִיז מָשִׁיחַ · אִין הָאט אוֹיס גִישְׁפְּרָאכֶען דֶעם שֵׁם הַוָיָ״ה אַזוֹי ווִי עֶר שְׁטֵייט גִישְׁרִיבֶּען · ווָאס קֵיינֶער טָאר אִים נִישְׁט אוֹיס רֶעדֶען נָאר דֶער כֹּהֵן גָדוֹל הָאט גִימָאנְט אֵיינְמָאל אִין יָאר אוֹיס רֶעדֶען דֶעם שֵׁם אוֹיף יוֹם כִּפּוּר ווִיא עֶר אִיז אַרַיין אִין קָדְשֵׁי קָדָשִׁים · דִיזֶע גְרוֹיסֶע עַזוּת קֵייט הָאט גִימַאכְט אַ גִיוֶועלְטִיגֶען אַיינְדְרוּק אוֹיף דִי פְרוּמֶע יוּדֶען ׳ אִין דִי רַבָּנִים פוּן זְמִירְנָא הָאבֶּען אִים גִיוָוארוּנְט דָאס נָאךְ אֵיינְמָאל זָאל עֶר זִיךְ נִישְׁט אַנְשְׁטֶעלֶען אַזֶעלְכֶס צוּ טָאן · עֶר הָאט אָבֶּער זֵייא גִיעֶנְטְפֶערְט דָאס עֶר מֶעג דָאס טָאן · ווַייל עֶר אִיז מָשִׁיחַ · ווִיא זֵייא הָאבֶּען דָאס גִיהֶערְט הָאבֶּען זֵיי אִים אִין חֵרֶם אַרַיין גִילֵייגְט אִין אִים מַתִּיר דַם גִיוֶועזִין דָאס הֵייסְט יֶעדֶערֶער מֶעג אִים טֵייטִין · דְרִיבֶּער הָאט עֶר גִימוּזְט פוּן דָארְטֶען אַנְטְלוֹיפֶען אִין אִיז גִיקוּמֶען אִין דֶער שְׁטָאט סָאלוֹנִיקֶע · דָארְטֶען הָאבֶּען דִי יוּדֶען אִים אוֹיף גִינוּמֶען מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד אָבֶּער ווִיא זֵיי הָאבֶּען אִים גִיהֶערְט זָאגֶענְדִיג דָם עֶר אִיז מָשִׁיחַ · הָאבֶּען זֵייא אִים גִיהֵייסֶען גְלַייךְ פוּן דֶער שְׁטָאט אַרָאפ פָארֶען · פוּן דָארְטוּן אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען נָאךְ מִצְרַיִם · אִין פוּן דָארְט קֵיין יְרוּשָׁלַיִם · אִיבֶּער דִי שְׁטָאט עַזָה · אִין עַזָה הָאט גִיווֹאנְט אַ בַּארוּמְטֶער מְקוּבָּל ווָאס הָאט גִיהֵייסֶען נָתָן · עֶר הָאט אָבֶּער דִי קַבָּלָה בַּאנִיצְט נָאר צוּ בֶּעטְרִיג אִין שְׁווִינְדֶעל · ווִי שַׁבְּתַי צְבִי אִיז גִיקוּמֶען קֵיין עַזָה הָאבֶּען זִיךְ דִי בֵּיידֶע חֶבְרֶ״ה לַייט בֶּעקַאנְט גִימַאכְט אִין צְווִישֶׁען דִיזֶע בֵּיידֶע שְׁווִינְדְלֶער אִיז גִיוָוארֶען אֶפּ גִירֶעד אַ פְּלַאן ווִיא אַזוֹי דִי רָאלֶע צוּ שְׁפִּילִין נָתָן הָט זִיךְ אָן גִיגֶעבֶּען דָם עֶר אִיז אֵלִיָהוּ הַנָבִיא אִין הָט נְבִיאוֹת גִיזָאגְט דָאס שַׁבְּתַי צְבִי אִיז מָשִׁיחַ · שַׁבְּתַי צְבִי הָט גִיפוּנֶען אִין אַ סֵפֶר פוּן שְׁלֹמֹה מוֹלְכוֹ **) דָם מָשִׁיחַ דַארְף צוּ קוּמֶען אִין יָאר תכ״ו הָט עֶר בַּאלְד גִיפוּנֶען מִיטְלֶען אוֹיס צוּ ווַייזֶען דָאפ שְׁלֹמֹה מוֹלְכוֹ הָאט דָאס גִימֵיינְט אוֹיף אִים · אוּנְד דֶעם פָּסוּק וּשְׁנַת גְאוּלַי בָּאָה אִין יְשַׁעְיָ׳ ס״ג פָּסוּק ד׳ הָט עֶר אוֹיף זִיךְ אוֹיס גִילֵייגְט · ווַייל דִיזֶע ווֶערְטֶער בַּאטְרֶעפֶען דִי גִימַטְרִיָא פוּן שַׁבְּתַי צְבִי עֶר הָט זִיךְ אִין יְרוּשָׁלַיִם אִין אָן הֵייבּ גַאנְץ רוּהִיג גִיהַאלְטֶען עֶר הָאט גִילֶערְנְט טָאג אִין נַאכְט קַבָּלָה אִין גִיבְּרוּכְט טְבִילוֹת

*) אַזוֹי דֶער צֵיילְט הַגָאוֹן ר׳ יַעֲקֹב עֶמְדִין אִין זַיין סֵפֶר תּוֹרַת הַקְנָאוֹת

**) שְׁלֹמֹה מוֹלְכוֹ אִיז גִיוֶועזִין אַ שְׁפַּאנְער קְרִיסְט הָאט עֶר זִיךְ מְגַייר גִיוֶועזִין אִין הָאט גִילֶערְנְט נָאר קַבָּלָה · עֶר הָאט גִימַאכְט זֵייעֶר פִיל סְפָרִים אִין קַבָּלָה · עֶר אִיז דֶער נָאךְ פַאר בְּרֶענְט גִיוָוארֶען אוֹיף דֶעם בַּייא בֶּעפֶעהְל פוּן פַּאפְּסְט אִין רוֹם · ווַייל עֶר אִיז גִיקוּמֶען צוּם פַּאפְּסְט זָאגֶען אַז [illegible] עֶר זָאל ווֶערִין אַ יוּד ·

מבילות אין סגופים ביז זיין נאמן איז גיוואָרן בעקאַנט אין גאַנץ ארץ ישׂראל ·
אָבער נאָך עטליכע יאָר שפּעטער האָט ער אָן גיהויבן אויך דאָרט צו זאָגען דאָס
ער איז משיח · אין האָט באַווייזען פון זהר הקדוש אין אַנדערע ספרים דאָס ער
איז דער אמתער משיח · ער האָט אָנגיהויבען אָפּ צוא שאַפען דיא צוויי גיבאָטענע
תעניתים שבעה עשר בתמוז אין תשעה באב · וויל נאָך זיינע מיינונג דאַרף
מען שוין מער נישט קלאָגען אויף חורבן בית המקדש · אויך האָט נתן העזתי
אָן גיהויבען צוא זאָגען דאָס נביאות אַז שבתי צבי איז משיח דער גואל אמתי
אין וועט איין זאַמלען דיא יודען פון גלות · ער האָט זיך גימאַכט אַזוי וויא ער
קען אים גאָר נישט נאָר ער זאָגט דאָס פון רוח הקודש · אויך האָט ער אַרויס
גישיקט בריף אין גאַנץ ארץ ישׂראל דאָס שבתי צבי וועט דיא גרעסטי וואונדער
באַווייזען · ער וועט דיא קרוין פון דעם סולטאַן אַראָפּ נעמען אין וועט זיא אויף
זיין קאָפּ אויף זעצין · אונ דער סולטאַן וועט נאָך אים נאָך גייען וויא אַ קנעכט
נאָך זיין הער · דאַרך אַזעלכע בריף זענען פיל מענטשין גיוואָרן פאַר פירט
צו גלויבען אָן שבתי צבי. אויך זיינע צוויי ברודער אליהו אין יוסף וואָס האָבן
גיוואוינט אין איזמיר · האָבען דאַרך זייערע בעטריגעריא פיל איין גייערס באַזעצט
אין זייער שטאָט וואָס האָבען גיהאַלטען מיט שבתי צבי · דרייצען יאָר איז ער
גיזעסען אין ירושלים אין האָט זיינע ראָלע גוט גישפּילט · איינמאָל האָט ער
גיזאָגט צו זיינע גוטע פריינד דאָס ער מוז נייטיג פאָרען נאָך מצרים · ווייל
דאָרטען וואַרט אויף אים זיין רעכטער זיווג וואָס גאָט האָט אים באַשערט · אין
ווירקליך איז ער פון מצרים צוריק גיקומען נאָך ירושלים מיט אַ ווייב וואָס ער
האָט מיט איר חתונה גיהאַט אין מצרים · זיינע חברה לייט האָבען דער ציילט
פיל וואונדער איבער שבתי צבים ווייב · אין גזרת ת״ח ווען די קאָזאַקען זענען
באַפאַלען אין פוילין אין אוקריינע אונ האָבען אונזערי אָרעמע יודען גישאָכטען
גיבּרענט · זענען אויך שׂרה׳ס עלטערן · (אַזוי האָט גיהייסן שבתי צבים ווייב ·
אומגעקומען דאַרך די קאָזאַקען · אין זיא איז גיבליבען אַקליין מיידיל אָן עלטערן
אָן פאַמיליע · אַ קריסטליכע פאַמיליע האָט איר גינומען צו זיך אונד האָבן איר
ער צויגען אין די קריסטליכע אמונה · אַזוי איז דיא בייא זיי גיוועזען ביז זיא האָט
שוין פאַר געסען דאָס זיא איז אַמאָל אַ יודעש קינד גיוועזען · איינמאָל איז צו איר
בייא נאַכט גיקומען איר טויטער פאָטער אין האָט איר פון בעט אַרויס גינומען
נאַקידעקייט אונד האָט זיא אַוועק גיטראָגען אַ פּאָר הונדערט מייל פון דאָרטען
אין האָט זיא אַנידער גישטעלט אויפן בית עולם ער האָט איהר גיזאָגט דאָס זיא
איז אַ יודעש קינד אין זיא וועט זיין משיחס ווייב · אין דער פריא זענען גיקומען די
קברנים מקבר צו זיין אַ מת האָבען זייא אַ נאַקיט מיידעל גיפונען · זייא האָבען
זיך זייער דער שראָקען אין האָבען איר גיפרעגט ווער זיא איז · זיא האָט זיי דיא
גאַנצע מעשׂה דער ציילט האָבען זייא איר גינומען אין איר אַ גיטאַן · אין איר
גיגעבען וואָס זיא דאַרף · אין וויא זיא האָט גיהערט דאָס משיח איז גיקומען. איז

## זיא גיפארען חתונה צו האבן מיט אים:

פיתה יאר שפעטער האט שבתי צבי שוין אפען גיזאגט אין ירושלים דאס ער איז גישוקט פון גאט דיא גאולה אן צוא פאנגען. דיא רבנים פון ירושלים זענען צו ציטערט גיווארען הערונדיג אזעלכע רייד · אונ האבען זיך צו זאמען גיקליבען 24 רבנים אין האבען עם אין חרם אריין גילייגט · זיין לעבען איז אין ירושלים נישט מער זיכער גיוועזען איז ער אנטלאפען נאך זיינע גיבורטס שטאדט איזמיר · דארטין האט מען אים עמפפאנגען מיט גרויס כבוד אונ חאטשע דיא רבנים פון ירושלים האבען אים נאך גישוקט בריף אונ חרמות הט דאס גאר נישט גיהאלפען ווייל דער המון איז גיוועזען שטארק פערפירט אונ האבן אן אים גיגלייבט · אין יאהר תכ"ו איז זיין שם גרויס גיוועזען אויף דיא העכסטע שטופע · זיינו חברה זענען גינוג שטארק גיוועזען אום צו ברענגען אלע וואס האבען מיט זייא נישט גיהאלטען · ער האט גילעבט אין פראכט אונ רייכקייט וויא א ווירקליכער קינוג. נאכט ביי נאכט פלעגען ארום גיין גרויסע שארען מענטשן אין דיא גאסען אין האבען גיזונגען קאפיטלאך תהלים אונד נאך אנדערע שירים ותשבחות. אין זיין פנים האט גישיינט פשוט וויא דיא זון · מען האט אים פאר גיטראגען א פאן מיט דער אויפשריפט ימין ה' רוממה ימין ה' עושה חיל · אונ לכבוד אים האט מען דרייא מאל אין טאג גיזונגען אין דיא שילען פון איזמיר דעם 21 קאפיטל פון תהלים ה' בעזך ישמח מלך · זיין פאטדעט איז גיוועזען אומעטום מיט קרוינען גיפוצט · פון פיל קהלות קדושות זענען צוא אים שלוחים גיקומען אונ האבען גיבראכט גרויסע מתנות צו דעם משיח גואל צדק אבער דיא שלוחים פלעגין מוזן ווארטען פיל וואכען איידער מען האט זייא צו עם צו גילאזט ווייל דער נאראד איז זייער גרויס גיוועזען · אונ ווער עס האט גיקענט פריער אהן קומען צוא עם איז ער העכסט גליקליך גיוועזען:

עס איז זייער צו באווינדערן דאס גראד אין דיזער צייט האבען זיך גיפונען אין פערשידענע שטעט פיל נביאים אונ נביאות וואס האבן מתנבא גיוועזען דס שבתי צבי איז דער רעכטיגער משיח אין ער האט ערהאלטען פון גאט דיא קרון פון הימעל · אלטע לייט בחורים מיידליך ווייבער קליינע קינדער פלעגן פאלען צוא דער ערד אין דיא גלידער זייערע פלעגען ציקן אזוא וויא אין קאנוואלסיע אונ האבן גיזאגט די נביאות אין לשון קדש אדער תרגום לשון · אויך אזעלכע וואס האבען אויף זייער לעבען קיין ווארט נישט פערשטאנען פון לשון קדש · נאך מער קינדער · איטלוכער האט זיינו נביאות גיזאגט מיט אנאנדער נוסח · אין דס האט נאך מעהר פארשטארקט דעם פאלשין גלויבען · ווייל דיא גמרא זאגט אז דיא פאלטשע נביאים פלעגן זאגן אלע דיא נביאות מיט איין נוסח אונ די אמת'ע נביאים פלעגן זאגען יעדער מיט אנאנדר נוסח · אויך זיינע נאטורעכע קראפט איז גיוועזען צו באוואונדערן · דען ער האט גיקענט ארויס רייסען א בוים פון דעם ווארצעל אזויא וויא איינער רייסט ארויס א האר פון בארד. אונ דאס האט דעם

גלויבען אן אים נאך שטארקער גימאכט :*) דיא פאליטישע לאגע וואס איז גיוועזען אונ דיזער צייט האט אויך פיל גיווירקט דעם גלויבען שטארק צו מאכען · וייל די וועלט איז גיוועזין דאמאלס צו רודערט אין פאר וויקולט אין מלחמות · דיא טערקישע רעגירונג האט גיהאט מיט זיך צו טון אונ האט זיך וועניג בעקימערט איבער דיא יודישע משוגעת · דיא יודען פון זייער זייט האבען זיך אויך גיהאט · דיא רעגירונג גישט צוא דער צערנען · אונ שבתי צבי מיט נתן העזתי האבען נאר גיהייסען תשובה טאן אין פיל צדקה טיילען פיל רייכע מענטשען האבען זיי ניפאלגט אין האבען פערנאכלעסיגט זייערי גישעפטען אנדרע האבען זייער גאנצען פרמעגן צו טיילט אונ זענען גיבליבען בערום והוסר כל · זייא האבען געביך גאנץ ערונצט גימיינט מיט דער זאך · עס איז אויך נישט צוא באווינדערען אוף דיא יודען וואס זייא האבען אזו שטארק גיגלויבט אונ שבתי צבי דען אפילו קריסטען האבען אן גיהויבען צו גלויבען אן עס · איין גיוויסער היינריך אלדענבורג א גרויסר מאן אונ דיא ענגעלושע רעגירונג אונ א גוטער פריינד פון דעם פילוסוף שפינאצע · האט צוא שפינאצע גישריבען דיא גאנצע מעשה מיט דעם שבתי צבי אוים ווייזענדיג דאס ער האט אויך גיגלויבט אונ שבתי צבי · אין אויך שפינאצע וואס דיא רבני אמשטרדם האבען עם מחרים גיוועזען וועגען זיינע גרויסע אפיקורסת האט אויך נישט גילאכט פון דער זאך · אויך פילע קאנזולען פלעגען באזוכען שבתי צבי אונד אום קערונדעג אין זייער לאנד האבען זייא דערציילט דיא נסים ונפלאות פון עס · דער גידודער איז גיווארען גרעסער אין גרעסער דאס אויך אין דיא קינגליכע הייפען האט מען אן גיהובען פון אים צוא רייען · דא האבען זיינע חברה פון אים פערלאנגט ער זאל שוין מקיים זיין דיא הבטחה וואס ער האט זייא צו גיזאגט · אונ ער זאל פארען קיין סטאמבול צו צו נעמען דיא מלוכה פון סולטאן · ער האט גאנץ גוט גיזעהן דאס ער וועט זיך נישט מער קענען אוים דרייען פון זייא ווארום ער האט זייא שוין גינוג אפ גישלעפט פון טאג צו טאג · האט ער זיך בעשלאסען נאך סטאמבול צו פארען ער האט שוין סייא וויא סייא נישט וואס צו פערלורען · אפשר קען זיך טרעפען א צופאל דס דער סולטאן וועט עם מיט פרייד מקבל זיין · ערגער וויא שלעכט קען שוין נישט זיין · ער האט אבר גינוג זיך באנארעשט ווס ער איז אריין אין סטאמבול מיט אזא גרויסע סוויטע מענטשען · עס האט גימאכט א גרויס גירידר אין שטאט דארט אן קומענדעג האט מען עם גיזאגט דאס דר סולטאן איז נישט דא אין סטאמבול ער גיפונט זיך אין אנדרינאפעל · הט שבתי צבי פערלאנגט פון גרויס ווזיר ער זאל עם לאזען צו עם קומען · דער מיניסטער האט דעם אודיענץ אפ גילייגט · דער וייל האט ער גישריבען צום סולטאן דאס דער

שבתי

*) ר׳ יעקב עמדין שרייבט אין תורת הקנאות אז דאס איז גיוועזין מעשה שטן צוא פאר פירען דיא יודען איך זאג אז דאס איז גיוועזין אפראבע פון גאט צו וויסען אוב דיא יודען זענין שטארק אין זייער גלויבען אזו וויא עס שטייט כי מנסה ה׳ אלהיכם אתכם ·

שבתי צבי וואס האט אזא גירודער אן גימאכט גיפונט זיך אין סטאמבול · האט דער סולטאן גלייך באפוילען דעם מיניסטער ער זאל עם תפוס נעמען · דער גרויס וויזיר האט גישיקט איין אפעציר מיט 50 סאלדאטן צוא אים · אבר דער אפעציר ווייא ער איז צוא אים גיקומן איז ער צוא ציטערט גיווארן פון גרויס פחד אונ איז מיט ליידיגן צוריק אוועק גיגאנגען · האט דר מיניסטער גישיקט איין אנדער אפעציר מיט הונדערט סאלדאטען אבער אויך דער אפעציר איז מיט ליידיגע אוועק גיגאנגען אונ אזויא איז גיוועזן מיט דעם דריטען אפעציר אין 200 סאלדאטן וואס דר מיניסטער האט צוא אים גישיקט · דיא חברה פון שבתי צבי האבען גיוויס לאפקע דיא אפעצירן גיגעבן כדי זאלן זאגען אז זייא קענען נישט צו גיין צוא עם פון גרויס פחד · דער נאך איז שבתי צבי מיט איינעגעם רצון גיגאנגען צום גרויס וויזיר אונ האט זיך פאר גישטעלט פאר עם · דער גרויס וויזיר האט עם גלייך גילאזט תפוס נעמין אין מען האט עם אריין גיזעצט אין בעסטונג אין דיא דארדאנעלען · אבער אויך דארטען האט ער גיהאט פון אלעם גוטען · ער האט באקומן א פארכטעגע וואנונג אין מען האט עם גיטראגען עסן מעדני מלך · אויך האט דר גרויס וויזיר ערלויבט דאס מען זאל אלעמן צו אים אריין לאזן ער האט גוט בארעכונט דאס אזא לאנג וויא שבתי צבי וועט זיצען אין גיפענגנים קען ער קיין שאדן נישט טאן דער ממשלה אדרבה ער קען נוצן ברענגען ווייל דיא אלע געלטער וואס מען שיקט פון דר גאנצר וועלט צו שבתי צבי וועט בלייבן אין לאנד · דיא חברה פון שבתי צבי האבן אנדערש פאר שטאנען זייא האבן גזאגט דאס עס איז א בעוויז דאס ער איז ווירקליך משיח · דעריבר האט דר גרויס וויזיר קיין כח נישט עם צוא טאן שלעכטס · זיין נאמן איז נאך גרעסער גווארן אונ פון ווייט אונ ברייט זענען צו עם גקומען מיט פילע הענד אונ זענען מיט פולע קעשענעס ליגונט צוריק גפארן אין האבן פון יעדער האר א קלאץ גמאכט · איטלכס קליינוקייט האבן זייא הונדערט מאל פערגרעסערט · שבתי צבי האט בריף גשיקט צוא אלע יודין דאס דיא גאולה האט שוין אנגפאנגן דריבר דארף מען שוין נישט פאסטן תשעה באב · אדרבה מען זאל אום תשעה באב דיא גרעסטע שמחות מאכן ווייל זיין גבורסטאג גיפאלט אין תשעה באב · אויך האט ער באזונדערע תפלות מחבר גוועזן אונ פערשידענע פיוטים גמאכט וואס מען זאל זינגן אום תשעה באב אין דיא שילען · זיינע חברה האבן ווירקליך דעם גרעסטן יום טוב גמאכט אונ האבן גטאנצט אונ גשפרינגן געגעסן אונ גטרונקן אונ זיך גפרייד אן א שיעור: *) דיא יודען פון פולין האבן דאמאלס גשיקט א שליח צוא שבתי צבי איין גרויסן מקובל אונ איין למדן ער האט גהייסן ר' נחמיה כהן · ער זאל דר גיין

---

*) דער פון איז נאך ניבליבן דר מנהג אין אנדערע קהלות זיך צוא נווארפן מיט קעשעלאך דיא אין באזאקעס אום תשעה באב אונ מאכן דיא גרעסטע גילעכטערס אין דעם טאג וואס אלע יודען קלאגן אויף חורבן בית המקדש אוי לעינים שככה רואות:

די ריכטיגע זאך פון שבתי צבי. שבתי צבי הט שוין פריער גיוויסט דס דער משולח וועט צו אים קומען · אונ האט גיהייסן מען זאל אים אן נעמען מיט גרוס כבוד · וויא ער איז דארטן גיקומן האט זיך צווישן זייא אן גיהויבן א גרויסער וויכוח · דער וויכוח האט גידויערט דרייא טעג · ר' נחמיה כהן האט אויס גיוויזען מיט ראיות פון זוהר הקדוש אין אנדערע קבלה ספרים אז עס איז נישט מעגליך דאס ער זאל משיח זיין · אין שבתי צבי האט פאר קערט אויסגעוויזען מיט ראיות דאס ער איז משיח · צום סוף האט ר' נחמיה צוא עם גיזאגט מיט כעס · דיא ביסט ניט משיח · דיא ביסט א פראסטער בעטריגער · דיא ווילסט נאר אונגליק ברענגען אויף דעם יודעשין פאלק · די פארדינסט נאר דעם טויט אזוי ווי א מסית ומדיח · דיא פארפירסט דעם נאראד אין ברענגסט אויף זייא גאר נייע צרות אין נייע גזרות · וויא שבתי צבי האט דאס דר הערט איז ער נאטירליך זייער אין כעס אריין גיקומען אין דער צארן האט אין אים גיברענט וויא איין פייער אין האט גיגעבין איין ווינק צוא דער חברה דאס מען זאל אים זיין רעכט טאן · ר' נחמיה איז דארך גישפרינגען דורכען פענצטער אין האט גיחאפט דיא מיטצע פאן א טערק אין האט אן גיטאן אופין קאפ · דער מיט האט ער גיוויזען דאס ער איז גיווארן איין מחמדאנער אונ האט אהן גינומען דעם טערקישן גלויבן · ער איז גיוועזין גינייט דאס צוא טאן כדי דיא חברה פון שבתי צבי זאלין איהם נישט טייטין · באלד איז ער אוועק נאך אנדרינאפיל וויא דער סולטאן איז גיוועזין אין האט דער קלערט דעם אויבער ריכטער אלע אשוסטוועס אין בעטריגערייא וואס דער שבתי צבי מאכט אין עס איז פאר דר ממשלה זייער גיפערליך · דער סולטאן האט באלד גיגעבין דעם באפעל מען זאל דעם שבתי צבי פאר אים ברענגען · ער האט אים גילאזט אן בינדען אין א גרויסען כלופ אין האט גיהייסין מען זאל אים שיסען מיט דרייא פיילין אויב ער וועט לעבען בלייבען איז א סימן דאס ער איז באמת משיח אונ ער וועט אים אפ געבין דיא מלוכה . וויא שבתי צבי האט דאס גיזעהן איז איהם פינסטער אונ ביטער גיווארן · ער האט קיין לוסט נישט גיהאט צו שטיין בייא אזא פראבע · דער ווייל איז צו אים צוא גינאנגען דעם סולטאנס דאקטער אין הט אים איין עצה גיגעבין ער זאל אראפ נעמין פאן א טערק דעם טורבאן פון קאפ אין אהן טאן אויף זיין קאפ · דאס הייסט ער זאל אן נעמין דעם טערקישן גלויבן · אזו האט ער גיטאן אונד דער סולטאן איז דער מיט גיוועזין צופרידען · די פינסטערע געשיכטע איז אבער דער מיט נאך ניט גיקאנטשיט גיווארן זיינע חברה האבען נאך פעסט גיגלויבט דאס ער איז דער ריכטיגער משיח אין דעם טערקישן גלויבן האט ער נאר אן גינומען למראית עין. אדער ער האט גימאכט א גולם · אין דער גולם האט דיא טערקישע אמונה אהן

גינומען · עס האבען זיך אן גיפלאדזיט שבתי צביניקעס אין א האלבע וועלט
אין פולין · פאדאליען · וואהלין גאליציען · מעהרען · אין ארץ ישראל אין
אויך אין אנדערע ערטער זייערי יסודות אין דער אמונה איז דאס אלע
עברות פון דער תורה זענען מצות אין דיא שכינה קען נישט שורה זיין
אויף יודען סיידין זייא זאלין אלע עברות טאן · אזו האבען זייא גילערונט
דעם פשט אין פסוק השוכן אתם בתוך טומאותם · (ויקרא טז טז) דאס
הייסט דאס רוהט בייא יודען אין זייער טומאה אין דריבער האבען זייא זיך
ערלויבט צוא טאן אלע שמוציגע זאכען · ווס עס שוידערט אוים הערינדיג ·
זייא האבען פאר פירט אשת אישין אין פלעגין ארום פארן מיט זונות אין
זאגין דרשות אין קבלה אין דיא שולען זייא האבען גיגאנבט אין גיגאזילט
אין קיין זאך איז בייא זייא קיין עבירה נישט גיוועזין:

איינער פון דיזע הארומטראבערס האט גיהייסין נחמיה חאיון · אין יאר תס״ח
(1708) האט ער בערייזט פולין אין דייטשלאנד די נייע תורה פון שבתי צבי
אוים צו ברייטון · מען האט אים גיהאלטען פאר איין גרויסען מקובל אונ
זוי ער איז גיקומען הט ער אין אנפאנג זיין כונה נישט מגלה גיוועזין · אין
דיא גרעסטי רבנים האבין אים מקרב גיוועזין · אין פראג האט דער רב
הגאון ר׳ דוד אפפענהיים אים מיט גרוים כבוד אן גינומען אונ הט גיוואונט
בייא זיין זון אונ דארטען האט ער מסדר גיוועזין זיין ספר דברי נחמיה אויף
תורה וואס ער האט גידרוקט אין בערלין מיט פיר יאר שפעטער · ער הט
אויך אין פראג גיטיילט קמעות אין אויך דער פראגער רב האט בייא אים
גינומען א קמע פאר זיין אייניקל · עס איז קיין וואונדער נישט דאס אויך
רבי יהונתן האט מיט איהם באקאנטשאפט גיהאט וואס האט ער גיקענט
וויסען וואס אין אים שטעקט · וויא ער איז גיקומען קיין אמשטרדם האט
דער חכם צבי גלייך דער קענט אן אים דאס ער איז א שבתי צביניק ·
נאר ער האט נישט גיקענט טאן ווייל דער ספרדישער רב שלמה וויליאן
האט מיט נחמיה גיהאלטען ביז וואנען עס האבען אים מחרים גיוועזין 130 רבנים ·
אין ער איז שטיל גיווארען · אבער נאך צעהן יאר האט ער ווידער ארוים
גיטרעטין אונ הט גימאכט יד אחת מיט איינים איין גיוויסען לייבעלי פראשניץ
אין מעהרען · אבער ער האט מער נישט גיקענט מאכען אין איז פאר שווינדען
גיווארען מיוויייסט נישט ווס זיין סוף איז גיוועזין מען זאגט דאס ער האט זיך
גיטויפט דער לייבילע פראשניץ האט זיין ראללע גישפילט אין זיין שטעטיל
פאר א בעל מופת · אין פראשניץ איז גיוועזין א אלטע חורבה וואס קיינער
האט נישט גיוואלט דארטען אריין גיין ווייל מען האט גיזאגט אז דארטען
טאנצין שדים . ער איז אריין אין דיזער חורבה וואהנען · אונ האט גיזאגט דאס
דארטען קומען צו אים מלאכים · איינמאל האט ער גיזאגט דאס ער וועט ווייזין
דיא שכינה . נאר מען וועט קענין זיא נאר דארך א שפאלט זעהן עס זענין

פיל מענטשן צוא זאמען גיקומען אין דער חורבה אין האט גימאכט אין מיטן איין וואנד אונ דארך א שפאלט פון דיזער וואנד האט מען גיזעהן וויא עס איז מיט איין מאל ליכטיג גיווארען אזוי וויא דיא שיין פון דר זון אונד דר שם הוי״ה מיט פייערדיגע אותיות שוועבט ארום. דיא מענטשין זענין צו ציטערט גיווארון קוקענדיג אוף דוא ערשיינונג נאר איינער פון זייא איז גיוועזין א איש חכם הט ער איינגיבראכען די וואנד האט אנגיהויבן צוא שטינקען שוועבעל · האט מען גיחאפט דעם לייבעלע דאס זיינע קליידער איז גיוועזין אוים גישמירט מיט פאספאר . עס זענין פיל אזעליכע מיססיאנער גיוועזין וואס זענין ארום גיפארען דרשות זאגין אין זענען גיוועזין שבתי צביניקעס אבער מען האט זייא רודף גיוועזין אין מחרים גיוועזין ביז זייא האבן קיין תקומה אין ערגיץ נישט גיהאט :

איז פולין האט זיך געבילדעט איין כתה פראנקיסטין נאך דעם נאמען יעקב פראנק · ער איז גיבארען גיווארען אין פולין אין איז גיוועזין א בראנפין ברענער · דער נאך איז ער אוועק נאך דער טירקי דארט איז ער עטליכע יאר גיוועזין אין איז גיקומען צו ריק מיט א נאמען דאס ער איז א גרויסער בעל מקובל · ער האט זיך באזעצט אין פאדאליען אין האט דארט אוים גיברייטעט דיא תורה פאן שבתי צבי · דארך זיינע שיינע אסאבע האט ער צוא זיך ציגעצויגען פיל מענטשין · דער נודע ביהודה האט אים אין חרם ארין גילייגט · פראנק האט דיא גמרא אין גאנצין פאר ווארפען אונ האט גיזעצט דעם זוהר אויף דער שטעל פון די גמרא · דער נאך איז ער מיט זיינע גאנצע חברה איבער גיגאנגען צו דער קאטוילישע אמונה · אבער בסתר האט ער נאך גיפירט זיך וויא איין שבתי צביניק · דער פאר האט אים דיא רעגירונג תפוס גינומען אין אים ארין גיזעצט אין טשענסטעכאוו אין גיפענגעניס נאך דעם וויא רוססענלאנד האט איינגינומען פולין האבן זייא אים פרייא גימאכט · דא האט ער אן גיהויבן פאר זיין זאכע נאך מער צו טאן · ער איז אריבער נאך דייטשלאנד מיט זיין גאנצע חברה אין מיט איינע לייב וואך · געלד איז גיוועזין ווי בלאטע · ווייל אונזערע יודעליך זאלין גיזונד זיין זאליווען נית אויף אזעליכע זאכן געלד צוא געבען · אונ איז גיקומען נאך וויהען · דער נאך קיין ברלין אבער פון דארטען האט מען אים ארוים גיטריבען · האט ער זיך באזעצט אין אפפענבאך האט גיוואנט אין א פירשטליכן פאליץ אין האט זיך אנאמען גיגעבן באראן פעסקעגאלד זענין בייא איהם גיוועזין ווייל אונזערע אחינו בני ישראל האבן געשיקט אים געלד פון אלע עקין וועט פלוצליך איז ער גישטארבען דארך א פאפלעקציע פאן דיזער צייט אן הט אויף גיהערט דיא גאלד קוועלין זיינע קונדר האבן אים גיוואלט נאך טאנצן אין האבן

בריף גישריבן אומעטום אבר עס האט שון נישט מער גיהאלפן ·
אין יאר תקי"ס האבן זיך אין פראג ווידער באוויזן א שייקע פאן שבתי
צביניקעס אבער דער ראב"ד ר' אליעזר פלעקילס האט זייא מחרים
גיוועזן אין פאן דיזער צייט אן הערט מען פון זיי נישט מער :

# ד

ווי מיר האבן אויבין גישריבן איז ר' יהונתן גיוועזן א גרויסר בעל מקובל · ער
הט אוך גיגעבן קמיעות פר קינפעטארנס זיי זאלן לייכט האבן דם קונד אונ די
קמיעות זענן גישטאנן שמות פון קבלה אדר ארויס גינומן פון פסוקים ער
האט דיזעלביגי גימאכט וואס אלי רבנים האבן גימאכט אין זיין צייט ·
ווארום דענמאלט זענן כמעט אלי רבנים באקאנט גיוועזן מיט דר קבלה
ער איז נאך פיל העכיר גישטאנן וויא אנדרי · ער האט גיקענט דם זוהר
אין כתבי האר"י כמעט ווארט פאר ווארט אויסינווייניג האט אויך פיהל
חבורים גישריבן אין קבלה · נאר דיא קמיעות וואס ער האט גגעבן אין
מעטץ זייא זענן גיוועזן דיא סבה צוא זייני צרות זייא האבן אים דאס
לעבין פאר ביטרט אזוי וויא מיר וועלין דא באלד דר ציילין :
בשעת ר' יהונתן איז גיווארן רב אין דיא דרייא שטעט אלטונא האמבורג
וואנדזבעק האט דענמאלט אין אלטונא גיוואנט הגאון ר' יעקב
עמדין דר זון פון הגאון חכם צבי זצ"ל · ער איז פריהר גיוועזן רב
אין עמדין אונ דייטשלאנד נאר וויל דיא לופט האט עם דארט נישט
גידונט האט ער זיך איבר גיצויגן נאך אלטונא · אונ האט דארטון אהן
גילייגט א יודישי דרוקעריא · א גרויס פאר מעגין האט ער אין אלטונא
מיט גיבראכט · נאטורליך איז ער גיוועזן גירעכנט פון דיא בעלי בתים
חשובים · וויל ער איז גיוועזן איין גרויסר למדן · איין גרויסר מיוחס
אין אויך איין גביר · ער האט אבר אויך גרויסע חסרונות גיהאט · ערשטונס
איז ער זייער שטאלץ גיוועזן · אין האט אלי מבטל גיוועזן · צווייטונס
איז ער גיוועזן פון דיא סארט מענטשן וואס קענן נישט רוהיג לעבן זייא
גיפונן זייער פאר גינוגן נאר אין מחלוקת אין שטרייט מיט א נאנדערן
האט ער איצט גיקענט ביי וויזין דיא גרויסי קראפט פון זיין גייסט · ער
האט גיזוכט אויף איטליכן פעליר אונ האט פאר געסן זייני אייגענע פעליר
צוא פאר בעסירון · דרובער האבן אים אלי אויס גימאד אונ מען הט נישט
גיוואלט מיט אים קומן אין התקרבות ווארום מען האט גיוויסט דאס
מיוורט פון אים טרוקען נישט אפ שניידן · בשעת ער איז גיקומן קיין
אלטונא איז דענמאלט גיוועזן רב אוף דיא דרייא קהלות הגאון ר' יחזקאל
קאצינעלינבויגין דר מחבר פון כנסת יחזקאל · ער איז גיוועזן איין
פרידליכער מענטש אונ האט ר' יעקב עמדין זייער מכבד גיוועזן · הט

זיך אויך אפט מיט עס בארעטון איבר פיל זאכן אבר אפט איז ר׳ יעקב עמדין מיט אים גשטאנען אין קריג · ווייל זיין כאראקטאר האט זיך נישט גיקענט פאר טראגן מיט דעם שטאט רב · נאך דעם רבס טויט האט ער גירעכונט אז דיא דרייא קהלות וועלן אים אויס דר וויילן פאר איין רב אבר וויא צארונדיג איז ער גיווארן וויא ער האט גיהערט דאס מען האט נאר איין אנדערן פאר רב אויף גינומען · פון דיזע צייט אן האט שוין דיא שנאה אויף ר׳ יהונתן גיברענט אונ אז ר׳ יהונתן זיין הארץ אונ אז ר׳ יהונתן איז אן גיקומען קיין האמבורג האט ר׳ יעקב עמדין אים אפילו קיין שלום עליכם גיגעבן אונ איז נישט גיקומען צוא זיין ערשטער דרשה · דעמאלט איז גיוועזן דיא מאדע ביא דיא רבנים צוא זאגן איין פאר ריידה פאר זייער ערשטער דרשה · דאס האט גיהייסן רשות · אונ דעם רשות פרעגן זייא דער מאגן דיא אלע גרויסע לייט פון שטאט אונ האט גישולדערט זייערו מעלות אונ וואס זייא האבן גוטס גיטאן אין שטאט · בשעת ר׳ יהונתן האט גיהאלטן דיא ערשטע דרשה האט ער דר מאנט ר׳ יעקב עמדין אונ האט אים זייער גילויבט דאס ער איז איין גרויסר מאן האט גישולדערט זיינו קונטשאפט אין דר תורה אונ האט אים זייער גיהויבן · צוא דר צווייטער דרשה איז שוין ר׳ יעקב עמדין גיקומען · דר נאך האט ער אים שלום עליכם גיגעבן אין אוף מארגן האט ער אים גשוקט איין פלאש וויין דאס איז א צייכן דאס ער איז אים מכבד:

ר׳ יהונתן האט אין האמבורג איין גרויסע ישיבה גיפירט · אונ פלעגט גאנצו נעכט אויף צו זיין מיט זיינו תלמידים צו פארשטן אין דר הייליגר תורה · דיא נאכט פון דאנרשטאג צוא פרייטיג איז גיוועזן אלו מאל איין וואכנאכט אונ מען האט גילערונט מיט התמדה גדולה · איין מאל האט זיך גיטראפן אונ אזא וואכנאכט דאס ר׳ יהונתן איז פלוצניג ארויס פון דיא ישיבה · עס איז גיוועזן אין רעכטן ווינטר · דיא תלמידים ווארטן א האלבי שעה אונ א שעה אונ ר׳ יהונתן איז נאך נישט צוריק גיקומען האבן זייא נישט גיקענט קלערן וואס דאס איז · האבן זייא זיך באשלאסן צוא גיין אים זיכן אבר פון גרויס פחד פר דעם רבין האט קיינר נישט גיהאט דיא דרייסקייט אים נאך צו גיין · זייא האבן גיווארפן גורל ווער עס זאל גיין איז דר גורל גיפאלן אויף צווייא בחורים · זענן זייא צוא ערשט גיגאנגן אין דם גערטיל וואס איז גיוועזן לעבען זיין וואנונג · האבן זייא גיזעהן וויא ער זיצט אין איין ווינקעלע אויף איין באנק דיא הענד אן גישפארט אויפן טיש שנייא איז אויף עס באדעקט גיוועזן אונ ער איז פארטופט אונ די גידאנקן · זיי זענן אזוא גישטאנען איין ווייל · האט איינר זיך גישטארקט אונ איז צוא אים צוא גיגאנגן דאט אים אן גירירט האט ר׳ יהונתן זיך אויף גיכאפט פון דיא גידאנקן אונ האט איין גישרייא גיטאן · גיין דר רמב״ם איז דאך גרעכט · דיא זאך איז אזוא גיוועזן · עס איז גראדע גיוועזן איין שווער רמב״ם וואס

ער האָט נישט גיקאָנט פאַר ענטפֿערן · איז ער אַזויא אַרויס פאַר טיפּט אין דיא גידאַנקן אונ דרויסן אונ זיין גערטול אונ איז אַזוי גיזעסן אונ גיקלערט פאַר טראַכטוהייט דאָס ער האָט גאָר נישט גישפּירט דיא קעלט אונ דעם שנייא וואָס אויף אים איז גיפאַלן ·

זיין נאָמען איז גיוואָרן אויס גיברייט אין אויך ר׳ יעקב עמדין האָט גיהערט דאָס ר׳ יהונתן ערפילט זיינו שולדיגקייט וואָס אַ רב ברויך צוא טאָן אויף דעם גרעסטן אופן מער וויא דיא פֿריערדיגו רבנים · אָבער דיא שנאה אונ זיין הארץ איז נישט קלענער גיוואָרן זיא איז נאָך פיל גרעסער גיוואָרן נאָר זיא איז גיוועזן צוא גידעקט · זיא האָט נאָר גיוואַרט אויף אַ גילעגנהייט זיא זאָל קענון אַרויס פּלאַטצן מיט גיוואַלד אונ שטורם אין דיזע גילעגנהייט האָט זיך באַלד גיפונען · אַזוא מיר וועלן דר ציילן אין דעם אַנדערן קאַפּיטל :

## ה

עס איז אַלעמען באַקאַנט דאָס אונ יעדר שטאָדט איז דאָ צוויא צדדים דם צד וויל דעם רב דם אַנדרי צד וויל דעם אַנדורן אונ אַז איין צד איז גובר אונ נעמט אויף דעם רב וועלכן זייא האָבן גיוואָלט ווערט דם צווייטע צד דעם רב אַ שונא מסתמא איז בייא ר׳ יהונתן אויך גיוועזן דר פאַל אונ גיוויס האָט ר׳ יהונתן באַלד בייא זיין קומען נאָך האַמבורג פיל שונאים גיהאַט · וואָס האָבן נאָר גיזוכט פֿריצעפּקוס אונ בלבולים זיין כבוד צוא ערנידעריגן חאָטשו ער האָט קיינם קיין שלעכטס גיטאָן · אין דער זעלבער צייט איז גיוועזן אונ האַמבורג איין איבר גאַנג אויף קינפּעטאָרנס אונ עס פלעגן יעדר וואָך פיל אויס שטאַרבן · ווייל ר׳ יהונתן פלעגט צוא געבן קמיעות דיא יולדות אונ מעטץ אונ אין פראָג האָט ער אויך אין האַמבורג גיגעבן קמיעות. בייא איינע קינפּעטאָרן איז דיא קמיע פאַר פאַלן גיוואָרן · אָדר זיא איז צוא קראַכן גיוואָרן ווייל זיא האָט דאָס בעטיר גילייגט אויפן הויכן לייב דען זיא האָט גיהאַט איין שרעקליכע היטץ קרענק · דר ווייל האָט איינר פון ר׳ יהונתנס שונאים באַנוצט דיזע גילעגנהייט אונ האָט אָן גישריבן איין קמיע מיט דם נאָמען פון שבתי צבי אונ האָט גיזאָגט דאָס דר מאַן פון דר קינפּעטאָרן האָט דיא קמיע אים גיגעבן ער האָט דיא קמיע אַוועק גיטראָגן צו ר׳ יעקב עמדין אונ ער האָט דאָס צו גיחאַפּט וויא איין ווינטש פינגעריל אונ גאָר אָן חקירה ודרישה אונ אַזא זאַך צוא טאָן האָט ער באַלד גיזאָגט אַז ר׳ יהונתן איז איין שבתי צביניק · נאָר ער האָט קלאָמפּערשט גיזאָגט דאָס דיא גאַנצו זאַך גייט אים גאָר נישט אָן אָבער אין האַרצן האָט ער זיך זייער גיפרייד דאָס ר׳ יהונתן איז בלאַמירט גיוואָרן · וויא ר׳ יהונתן האָט דר הערט פון דר גישעכטו האָט ער גישיקט איין קרוב פון זיין ווייב צוא ר׳ יעקב עמדין ער זאָל אים פרעגן וואָס דיא סבה איז וואָס ער האָט אום

גיטראכט אויף אים איין שם רע דאס ער איז איין שבתי צביניק ער האט אליין נישט גיוויסט פון וואנן דר שטורם האט זיך אן גיהויבן · ר׳ יעקב עמדין האט דם קרוב גיענטפערט דאס ער איז מיט ר׳ יהונתן גאנץ גוט אונ ער מיינט קיין שלעכטס נישט מיט אים ער האט גאר ניט וואס מורא צוא האבן פאר אים דר קרוב האט דיא אנטווארט גיבראכט צוא ר׳ יהונתן · אבר ער האט זיך דר מיט נישט באגינוגט · האט ער גישיקט דורך זיין קרוב איין קוויטיל צוא ר׳ יעקב עמדין ער זאל זיך אונטר שרייבן דאס ער האט צוא אים נישט · וויא דר קרוב האט ר׳ יעקב עמדין דאס קוויטל פאר גילעזט האט ער זיך נישט מער גיקאנט פאר ענטפערן אונ איז ארויס מיט דר גאנצו שנאה וואס ער האט גיהאט אונ זיין הארץ אונ האט גיזאגט צום קרוב דאס ר׳ יהונתן איז דר מחבר פון דר קמיע אונ ער איז גיוויס א שבתי צביניק אונ דאס וואס ער האט פריהר גיזאגט דאס ר׳ יהונתן האט פאר אים קיין מורא נישט צוא האבן האט ער נאר גימיינט דאס ער וויל זיך נישט מישן אין דר זאך . עס גייט אים דוא זאך נישט אן . וויא דר קרוב האט דיזע תשובה גיבראכט צוא ר׳ יהונתן האט ער גלייך איין גיזעהן דיא גרויסע שנאה וואס רוהט אין ר׳ יעקב עמדינס הארץ אויף אים · אונ האט מעהר נישט גיהאט צו האפן זיך מיט אים אויס צו גלייכן :

דער ווייל איז דר שקר פון דער קמיע ארויס גיקומן · דען דר מאן וואס ר׳ יהונתן האט אים פאר זיין ווייב גיגעבן דיא קמיע האט גישווארן אונ שול בייא דר ספר תורה אז ער האט קייז מענטשן נישט גיגעבן דיא קמיע נאר זיא איז פאר פאלין גיווארן . דא האבן דיא ראשי הקהל גימאכט איין אסיפה אונ מען האט אויך ר׳ יעקב עמדין צוא דר אסיפה איינגילאדן ער האט זיך דארטון אויך אזו פיין גישטעלט דאס ער וויל זיך גאר נישט מישען אונ דר זאך . אונ בעט דיא ראשי הקהל זייא זאלין אים נישט ארייין מישן אונ אזא שווערי זאך . האבן דיא ראשי הקהל אים גיבעטין דאס ער זאל באקענן פאר אלי אז ר׳ יהונתן איז נישט דר מחבר פון דר קמיע . אונ ער איז אונשולדיג ווארום עס איז דיא שולדיגקייט פון אזא מאן וויא ער איינצושטולין דם מחזוקת אונ דעם שאנד פלעק אראפ צואווארפן פון אלי יודן . ער האט אבר נישט גיוואלט נאך געבין · דיא וויכוחים האבן לאנג גידויערט · ביז מען האט די אסיפה אפ גילייגט אויף דם צווייטן טאג . אבר צוא דר צווייטר אסיפה האט ער נישט גיוואלט קומן . ער האט גיהאט א אויסרייד מען האט אים דר ציילט דאס איינער פון ר׳ יהונתנס גוטע פריינד האט גיזאגט דאס ער ווער ר׳ יעקב עמדין טויט שלאגן דאריבער האט ער מורא צוא זיין צוא דר אסיפה . דא האבן דיא ראשי הקהל אים מחרים גיוועזין . אבר ער האט אויך נישט גישוויגן אונ האט דיא ראשי הקהל מחרים גיוועזן ·

זייא זענן נאך מער אונ צארן גיקומן אונ האבן גישוקט זאגן צו ר׳ יעקב עמדין אז ער זאל זייא דיא קמיע אפ שיקען אונ זאל פאר לאזען אלטונא. אבער ר׳ יעקב עמדין איז דר מענטש נישט גיוועזין ער זאל זיך אזוי שנעל אפ שרעקין. זיינע זיילע איז איצטערט גיוועזין פיהל מיט שנאה אונ קנאה אויף ר׳ יהונתן. ער וואלט זיין בלוט גיזעהן אונ שטיקער פלייש פון אים שניידען. ער הט זיך יעצט פעסט ענטשלאסין דיא מלחמה אן צוהייבן. נאר ער האט גיוואלט קריגען נאך עטליכע מיט שטרייטיר זייא זאלין מיט אים צו זאמין גיין אין קריג קעגין ר׳ יהונתן אונ דוא קאמפאניע האט ער באלד גיפונן:

אייגער פון ר׳ יהונתנס שונאים איז גיוועזין דר פראנקפורטער רב הגאון ר׳ יעקב יהושע דר מחבר פון פני יהושע. מען קען נישט אפ לייקינען זיין גדלות. ער איז גיוועזין באמת א גרויסר גאון אונ דער פני יהושע ווערט נאך היינט גילערנט אין אלו בתי מדרשים. מיט גרוים ליבשאפט. ער איז אבר אויך נאר איין מענטש גיוועזן אונ עס איז נישטא א מענטש אן אפעלר. ער הט אביסיל קנאה גיהאט אויף ר׳ יהונתן וויל דיא וועלט האט אים פיל גרעסר גיהאלטן. אונ מען האט אים מעהר גיאכטעט וויא דעם פני יהושע זיין הויפט פעלר איז גיוועזין דאס ער האט דוא וועלט נישט גיקענט אונ האט גימיינט דאס וואס יעדר פלאטקארש רוימט אים אריין אין אויער איז אלין אמת אונ וואס איינר זאגט עס איז אלין ריכטיג. דורך דיזען פעלר איז ער אויך זייער נישט באליבט גיוועזין אונ זיין קהלה. אונ האט פיל שונאים גיהאט. מיט ר׳ יהונתן איז ער גישטאנען אין קריג שון פון אלאנגע צייט. בשעת ר׳ יהונתן איז גיוועזין נאך אין מעטץ האט ער אויף אים מרעיש עולמות גיוועזין וויל ער האט גיהערט אויף אים זאגנדיג דאס ער לייגט ניט קיין תפילין אום חול המועד ווען ער וואלט איצטר גילעבט אונ וואלט גיזעהן וויא ביי אונז לייגט דר המון עם אויך קיין תפילין נישט אום חול המועד וואס וואלט ער שוין גירעד. אין אמת איז דאס אויך ליגנט גיוועזין· דען עס איז באוויסט דאס ר׳ יהונתן האט יא גילייגט חול המועד תפילין:

צוא דם פני יהושע האט זיך איצטר גיקערט ר׳ יעקב עמדין מיט בריף אונ דיא פאר קיהלתו שנאה וואס איז גיוועזן אונ זיין הארץ אויף ר׳ יהונתן האט זיך יעצט צוריק אן גיצונדען אונ איז גיווארן צו א פלאם פייער:

דר צווייטר איז גיוועזין הגאון ר׳ אריה לייב דר רב פון אמשטרדם דר מחבר פון בנין אריאל ער איז איין שוואגר גיוועזין פון ר׳ יעקב עמדין אונ אויך א שוואגר פון דם פני יהושע· ער האט אויך שוין פון לאנג גיטראגן א שנאה אויף ר׳ יהונתן אונ ווען ער פלעגט הערן נאך זאגנדיג א חדוש פון ר׳ יהונתן פלעגט ער זיך מאטורן צוא צו שלאגן דם חדוש. דאס איז אויך מעהר אום

קנאה געוועזן ער איז אונ דיזער מחלוקת מיט פרייד אריין גיגאנגן · דאס איז
אבר געוועזן צוא זיין שאדן · דען ער האט גירעכנט אויף פראגר רבנות
ער הט נאר גיווארט אויף דעם כתב רבנות צו קריגן אבר ווי דו פראגר לייט
האבן דר הערט דאס ער טרעט אזוא ארויס אנטקעגן ר׳ יהונתן · האבן
זייא אים מער קיין כתב רבנות גישוקט · דר דריטר איז געוועזן ר׳ שמואל
העלמאן א רב אונ קראטאשין נאך ר׳ יהונתנס אפ גאנג פון מעטץ איז ער
גיווארן אונ מעטץ רב פריער איז ער גיוועזן איין תלמיד פון ר׳ יהונתן ·
אבר ער האט אויף אים וועגנג גיאכטעט ווייל ער איז נישט גיוועזן פון דיא
תלמידים חשובים · אונ דאריבר האט ער גיטראגן אויף אים איין שנאה כבושה
אונ הארצן יעצט האט ער גיפונן דיא גילעגנהייט מיט אים זיך אפ צוא
רעכנן · ער האט גיפאקט איין קמיע וועלכו ר׳ יהונתן האט גיגעבן אין
מעטץ · אבר וויל ער האט דר פון גאר נישט פארשטאנן האט ער דיא קמיע
גישוקט צו ר׳ שמואל עסינגן א רב אין מעננסטער בארומט פאר א גרויסן
מקובל · אונ האט אים גיבעטן ער זאל אים דר קלערן דעם תוכן פון
דר קמיע · עס שיינט אים דאס אין דער קמיע זענן נישט קיין שמות
קדושים נאר שמות טמאים אונ האט אים גיבעטן ער זאל וויא אום
שנעלסטן זיינע מיינונג דאריבר זאגן · דען אונ אזא וויכטיגע זאך דארף
ער אים באלד ענטפערן נאר ער בעט אים ער זאל קיינעם פון דוא
גאנצע זאך נישט דער ציילן · דען ער האט גיוויסע טעמים וואס ער
קען דאס נישט מגלה זיין · וואס ר׳ שמואל עססינגן האט דר אויף
גיענטפירט איז נישט בעקאנט נאר דאס איז גיוויס דאס ער האט אים
גיענטפירט פאר קערט וויא ער האט גיוואלט · דען ווען ר׳ שמואל עססינגן
וואלט מסכים געוועזן צוא זיינו רייד וואלט העלמאן דעם בריף גיוויס
אלעמען גיוויזן :

ו

צוא דיזע דרייא רבנים האט זיך גיקערט ר׳ יעקב עמדין אונ האט זייא גיבעטן
זייא זאלן מקנא זיין קנאת ה׳ צבאות אונ אנפאנגן דיא מלחמה אנטקעגן
ר׳ יהונתן צוא פירן · זיינו בריף וואס ער האט גישוקט צוא דיא רבנים זענן
פיל גיפט שלאנגן · פייער אונ טויט איין מענטשלוכר קאפ קען דאס גאר
נישט באגרייפן דאס אזא מאן וויא ר׳ יעקב עמדין זאל דאס קענן צו זאמן
גראבלען אונ איין בריף · איין קליינעם חלק פון זיין בריף וועלן מיר דא דם
לעזער געבן וואס ער האט גישריבן צו דעם רב פון מעטץ :
צוא דעם בארומטן גאון דר לייכטר פון ישראל דר גרויסר לערער ר׳ שמואל
העלמאן · היינט קום איך מיט זעגן אונ גרים צוא מיין הערן ווייל איך האב
גיהערט דאס מיין הער האט אן גיהויבן צוא פירן איין היילוגע מלחמה

מיט דעם יהונתן דעם היגען רב וואס זיינו שלעכטו מעשים איז שוין מיין הערן באקאנט · אונ מיין הער האט זיך אן גיקלייד מיט נקמה צוא פאר טילוגן גאמם פיינד איך בין אים נישט מקנא וואס ער איז גיווארן רב אין האמבורג · ווייל אלע ווייסן אז מען האט מיר אן גיבאטן דס רבנות פון האמבורג אונ איך האב זיא נישט גיוואלט אן נעהמן · נאר ווייל איך וויים פון זיינו שענדליכע אויף פירונג מעהר ווי איין אנדורר איך וויים פון לאנג דאס ער גיהערט צוא דער פאר פליכטו כתה פון שבתי צבי ימ״ש שוין פון לאנג הט ער זיך מיט זיי גיחברת · דאריבר גיי איך אונ דר זאך ארײן מער וויא איין אנדורער · ביז איצט האב איך גישוויגן אונ האב אים פריינד שאפט גיוויזן נאר איך האב דאס אום גערן גיטאן אונ הארצן האב איך אים נישט גיגלייבט וכו' וכו' :

פון דר צייט וויא דר מכשף האט דס רבנות אן גינומן האט אן גיפאנגן איין גרויסע מגפה אונטר דיא קינפעטארענס ער הט דיא קהלה גיטרייסט דאס ער האט אזעלכו קמיעות וואס זייא האבן דיא קראפט דיא מגפה איין צוא שטילין אבר וויא ער האט אן גיהויבן דיא קמיעות ארויס צוא געבן איז דיא מגפה נאך גרעסר גיווארן דאס דרייא קינפעטארינס זענן אונ איין טאג גישטארבן · ביז ער האט גימוזט אויף הערן זיינו קמיעות צוא פאר טיילען האט דיא מגפה גאט צוא דאנק אויף גיהערט וכו' וכו' :

שוין הייבט אן דר פאר שאלטונר איין צוא זונקן וויא ער האט גיזעהן דאס אום גליק הייבט אן איין צוא ברעכן אויף אים האט ער מיר איין בריף גישריבן אונ בעט מיך איך זאל אים העלפן · אונ דר פאר וועט ער מיר דאנקבאר זיין דר הייכלער (צבועק) מיינט ער וועט מיך פאר פירען · ער פאר געסט דאס פון דיא ווארצעל פון איין שלאנג גייט ארויס איין פיפערנאטאר · מיין פאטר דר חכם צבי האט דר פאר זיין לעבן אין סכנה גישטעלט · זאל איך זיין זון אין דר זאך שווייגן · גאט זאל מיך דר פון היטן וכו' וכו' וכו' :

איצט וועל איך דר ציילן מיט וואס דר מתועב וויל זיך פאר ענטפערן פרייער האט ער גיוואלט דר קלערן דיא קמיע מיט אזא פירוש וואס א קליין קינד קען אויך פאר שטיין אז זיא איז פאלש · דר נאך האט ער אין גאנצן אפ גילייקנט אז ער האט דיא קמיע גאר נישט גישריבן · אבר דאס האט אויך נישט גיהאלפן · דר נאך האט ער זיך פאר ענטפערט דאס איין דורך גירייזטער בעל שם האט אים דיא קמיע גיגעבן · אונ האט גיזאגט דאס דיא קמיע וועט העלפן קינפעטארונס אבר ער אליין ווייסט גאר נישט וואס דארין שטייט וכו' · זיינו גאנצו קראפט איז נאר אין חנופה גלאטער צינגעלו ווייגען אונ זיך בעטן · אונ דר מיט האט ער דיא נארן איין גינומן · עס איז אבר דיא כאם שוין פיל · ער איז שוין גיפאנגן אונ זיין געטץ · אויך זיינו חברה

וֶועגֶן צוא פַאר שְׁטַאנְד קוּמֶן דָאס אִיךְ פִיר דִיא מִלְחָמָה נָאר פַאר דֶעם אֱמֶת׃ אוּנ וֶוען דִיא דְרַייא גְאוֹנִים וֶועלֶען דִיא שְׁוֶוערְד פוּן דֶר שֵׁייד אַרוֹיס צִיהֶען אוּנ פַאר דֶער הֵיילוּגֶר זַאךְ מִלְחָמָה הַאלְטֶן וֶועלֶן זֵייא אַלֶע פַאר שְׁטוּמֶן מֶען מוּז אִים צְווִינְגֶען עֶר זָאל זִיךְ מוֹדֶה זַיין אוֹיף זַיינוּ זוּנְד . וָוארוּם אִיצְט אִיז גִיוִויס דָאס דֶר שְׁטוּמְץ קְלֶעבְּט אוֹיף זַיין לַייב · עֶס זֶענֶן אוֹיךְ פַאר הַאנְדֶען עֵדוּת וָואס הָאבֶּן גִיהֶערְט פוּן אִים זָאגֶענְדוּג דָאס אִין אִיטְלוּכֶר קָמֵיעַ מוּז שְׁטֵיין דֶר נָאמֶען פוּן אֵיין טַייוּויל וֶוען נִיט קֶען דִיא קָמֵיעַ נִישְׁט הֶעלְפֶן . אוֹי אוּנ וֵוייא אִיז דֶעם דוֹר דָאס אַזֶעלְכוּ זֶענֶן זַיינוּ פִירֶער · אוֹיס שְׁפַייֶען זָאל עֶר דִי נְשָׁמָה . וֶוען אִיר רַבָּנִים וֶועט דֶר צוּא שְׁוַויינֶן . וָואס וֶועלֶן רֶעדֶן דִי מֶענְטְשֶׁן פוּן שְׁפֶּעטוּרְדִיקֶען דוֹר · זֵייא וֶועלֶן זָאגֶן דָאס אִיר הָאט גִיזֶעהֶן אַזֶעלְכוּ שְׁטְרוֹיכְלוּנְגֶען לִיגֶענְדוּג אוֹיף דֶעם וֶועג פוּן דֶם יְדוּשְׁקֵייט אוּנ אִיר הָאט זֵייא נִישְׁט אַפּ גִירוּימְט . גֵייעֶן מִיר מִיט מִיָה צוּא דֶר זַאךְ . גָארְטֶן מִיר זִיךְ אוּנְז אָן מִיט קְרַאפְט מִלְחָמָה צוּא הַאלְטֶען פַאר דִיא הֵיילוּגֶע אֱמוּנָה · מַאכְט בַּאקָאנְט נָאנְט אוּנ וַוייט כְּדֵי זֵייא זָאלֶן אַלְץ וִויסֶן אוּנ דֶר הֶער פוּן דֶער וֶועלְט וֶועט גִיוִויס דֶר פַאר גוּט בַּאלוֹינֶען וכו׳ : *)

אַזֶעלְכוּ בְּרִיף הָאט עֶר אַיין גִישׁוּקְט דִיא דְרַייא רַבָּנִים · דֶר פְרַאנְקְפוּרְטֶער אוּנ דֶר אַמְשְׁטֶערְדַאמֶר רָב הָאבֶּן זִיךְ נִישְׁט גִיאַייֶלְט אִים בַּאלְד צוּא עֶנְטְפֶערֶן · נָאר הֶעלְמַאן פוּן מֶעטְץ הָאט אִים גְלַייךְ גִיעֶנְטְפוּרְט . עֶר שְׁרַייבְּט אַזוֹא · אוֹיךְ אִין מַיין הֵיים אוּנ מֶעטְץ הָאט יְהוֹנָתָן קָמֵיעוֹת צוּא טֵיילְט וָואס זֵייא שְׁטֵייעֶן אִין גְרוֹיס חֲשַׁד אוּנ מֶען הָאט שׁוֹין אָנְגִיהוֹיבֶּן זֵייא צוּא זַאמֶן צוּא נֶעהְמֶן אוּנ מֶען זֶעהְט אַרוֹיס דָאס אוּנ זֵייא שְׁטֶעקְט דֶר שַׁבְּתַי צְבִי · עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט מֶעהְר קֶענֶן פַאר עֶנְטְפֶערֶן · זַיינוּ שֶׁענְדְלוּכְקֵייט אִיז שׁוֹין גִיוָוארֶן אוֹיף גִידֶעקְט · דִיא מַעֲשִׂים רָעִים פוּן דֶעם רָשָׁע אִיז שׁוֹין גוּט בַּאקָאנְט · אַלֶע ווייסֶן שׁוֹין פוּן זַיינוּ רִשְׁעוּת גַאנְבוּנֶן פַאלְשׁ שְׁוֶוערֶן אִיז בַּייא אִים פוּן דִיא עֶרְשְׁטוּ מִצְוֹת דִיא גַאנְצוּ קְהִלָּה פוּן מֶעטְץ אִיז גִיקוּמֶן אִין דִיא גְרֶעסְטֶע מְבוּכָה. זֵייא קְלָאגֶן אוּנ ווֵיינֶען דָאס זֵייא הָאבֶּן אַזֶא פּוֹשֵׁעַ יִשְׂרָאֵל בַּייא זִיךְ גִיהַאלְטֶן אוּנ עֶר הָאט זֵייא אַזוֹא לַאנְג אָבְּגִינַארְט . דִיא גִימֵיינְדֶע פָארְשְׁטֶעֶר פוּן מֶעטְץ הָאבֶּן זִיךְ בַּאשְׁלָאסֶן צוּא שִׁיקֶען אֵיין בְּרִיף צוּא דִיא רָאשֵׁי הַקָּהָל פוּן הַאמְבּוּרְג מִיט צֶעהֶן קָמֵיעוֹת וָואס מֶען הָאט דָא גִיפוּנֶן אוּנ פוּן זֵייא פַאר לַאנְגֶן דָאס זֵייא זָאלֶן בַּאלְד אוֹיפֶן פַאהֶער נֶעמֶן דֶעם רָב זֵייעֶרֶן וָואס אִיז אִין אַזַא טִיפֶע בְּרָאטוּ פַאר זִינְקֶען אוּנ עֶר זָאל אַ רִיכְטוּגֶע עֶרְקְלֶערוּנְג גֶעבֶּן אִיבֶּר דִיא קָמֵיעוֹת אוּנ נִישְׁט מֶעהְר דִיא זַאךְ מַדְחֶה זַיין מִיט גָאר נִישְׁט אַזוֹא ווִיא זַיין שְׁטֵייגֶר אִיז גִיוֶועזֶן בִּיז אִיצְט׃ :

אִין אַפָּאר כַּאנְדְהַיים שְׁפֶּעטֶער אִיז בֶּאֱמֶת אָן גִיקוּמֶן אֵיין בְּרִיף צוּא דִי רָאשֵׁי

הקהל

*) דִיזֶע בְּרִיף שְׁטֵייעֶן אִין עֵדוּת בְּיַעֲקֹב פוּן ר׳ יַעֲקֹב עֶמְדִין .

הַקָהָל פון הַאמְבּוּרְג פון דיא עֶלְזַאסֶר רַבָּנִים אוּנְטֶר גִישְׁרִיבֶּן אָבֶּר נִישְׁט פון דִי מֶעצֶער רָאשֵׁי הַקָהָל אִין דֶם בְּרִיף זֶענֶן גִיוֶעזֶן פִינְף קָמֵיעוֹת בַּיי לֵייגְט · אָבֶּער דיא רָאשֵׁי הַקָהָל הָאבֶּן דַארוּיף גָאר נִישְׁט גִיעֶנְטְפֿוּרְט אוֹיךְ פון אַמְשְׁטֶרְדַמֶער רַב אִיז אָן גִיקוּמֶן אֵיין בְּרִיף צוּ דִיא רָאשֵׁי הַקָהָל · אָבֶּער אוּנ דִיזֶען בְּרִיף וֶוערְט אִיבֶּר ר׳ יְהוֹנָתָן גָאר נִישְׁט גִישְׁפְּרָאכֶן · נָאר עֶר פְרֶעגְט זֵייא וָואס הָאבֶּן זֵייא צוּ זַיין שְׁוָואגֶר ר׳ יַעֲקֹב עֶמְדִין · וָוס זַיי זֶענֶן אִים אַזוֹ רוֹדֵף זֵייא הָאבֶּן אִים דַארוּיף גִיעֶנְפֿוּרְט דָאס זַיין שְׁוָואגֶר פַאר דוּנְט זִיךְ נִיט מֶען זָאל אִים שׁוֹינֶען · וַוייל עֶר הָאט דָאס גְרֶעסְטוּ אוּם גְלִיק אִיבֶּער דִיא קְהִלָּה גִיבְּרַאכְט אוּנ זֵייא גִישֶׁענְדוּט דוּרְךְ זַיינוּ פַאלְמְשֶׁע בְּרִיף וָואס עֶר הָאט אוּנ אַלֶע שְׁטֶעט גִישִׁיקְט מֶען אִיז נָאךְ מִיט אִים אָרֶנְטְלוּךְ בַּאנַאנְגֶן בִּיז הַיינְט גִישְׁט פון זַיינֶעט וֶוענֶן נָאר וֶוענֶן זַיינוּ פַאמִילְיֶע · אָבֶר פון הַיינְט אָן מוּזֶן דִיא דֶערְנֶער וֶוערֶן אוֹיס גִירוּסֶען פון גָאטְס גָארְטֶן · דִיא גִיפְטוּגֶע שְׁלַאנְג מוּז פֶערְטִילוּנְט וֶוערֶן · אוּנ זֵייא בֶּעטֶן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט מֶעהְר מִישֶׁען אִין פְרֶעמְדוּ זַאכֶן זֵייא וֶוערֶן אַלֵיין וִויסֶען וָואס אִיז רֶעכְט אוּנ וָואס אִיז נִישְׁט רֶעכְט צוּא טָאן דֶען זֵייעֶר רַב וֶועט זֵייא שׁוֹין דִיא רִיכְטִיקֵייט זָאגֶן אוּנ זֵייא דַארְפֶן נִישְׁט דָאס אַנְדוֹרֶע זָאלֶן זֵייא לֶערְנֶען וָואס צוּ טָאן : *)

אוּנ דִיא דְרַייא קְהִלוֹת אה״ו הָאט זִיךְ גִיקָאכְט וִויא אִין אַקְעסוּל · בֵּיידֶע צְדָדִים זֶענֶן גִישְׁטַאנֶן אֵיינֶר קֶעגֶן דֶעם אַנְדֶערֶן רְכִילוּת אוּנ לָשׁוֹן הָרָע הָאבֶּן גִיגוּלְטֶען זֵייעֶר פִּיל · דִיא פְלַאטְקֶע מַאכֶרְס הָאבֶּן זֵייעֶר פִיל גִיהַאט צוּ טָאן · עֶס אִיז אַזוֹא וַוייט גְקוּמֶן דָאס עֶס הָאט גִיקֶענְט וֶוערֶן אֵיין שְׁלֶעגוּרַייא אוּנ דִיא שִׁיל אוּנ מֶען הָאט גִימוּזְט רוּפֶן דִיא פָּאלִיצַייא צוּא הִילְף · דִיזֶע גִישֶׁעכְטוּ הָאט דֶעם ר׳ יַעֲקֹב עֶמְדִין פִיל מוֹרָא גִימַאכְט אוּנ עֶר הָאט גִימַאכְט בְּרִיחָה קֵיין אַמְשְׁטֶרְדַם אוּנ אִיז גִיוֶעזֶן בַּייא זַיין שְׁוָואגֶר פוּפְצֶעהְן חֳדָשִׁים פִיל גְרוֹיסֶע מֶענֶר הָאבֶּן זִיךְ מִיה גִיגֶעבֶּן אוֹיס צוּא גְלַייכֶן צְווִישֶׁען ר׳ יַעֲקֹב עֶמְדִין אוּנְד ר׳ יְהוֹנָתָן אָבֶּר ר׳ יַעֲקֹב עֶמְדִין הָאט נִישְׁט גִיוָואלְט הֶערֶן אוּנ זֶעהְן אוּנ הָאט גִיטְרַאכְט דֶעם פְלַאם פַייעֶר נָאךְ גְרֶעסֶר צוּ מַאכֶן :

ז

רַבִּי יְהוֹנָתָן הָאט נָאר אֵיין אֵיינְצוּג מִיטֶעל גִיהַאט דִיא שַׁאנְד פון זִיךְ אַרָאפּ צוּא וַוארְפֶן · עֶר הָאט אֵיין גְרוֹיס הַייטוּגֶע דְרָשָׁה גִיהַאלְטֶן אוּנ דֶער הַאמְבּוּרְגֶר שִׁיל · אוּנ הָאט דֶר קְלֶערְט דָאס דִיא אַלֶע וָואס זוּכֶן אִין דִיא קָמֵיעוֹת זַיינוּ חַטָאִים הָאבֶּן גָאר קֵיין בַּאגְרִיף נִישְׁט וָואס דָארְטֶן שְׁטֵייט · זֵייא פַאר שְׁטֵייען קֵיין וָוארְט נִישְׁט פון דֶר קַבָּלָה · עֶר אָבֶּר בַּאטְרַאכְט דֶעם גַאנְצֶן שְׁקַאנְדַאל נָאר פַאר אַשְׁמְרָאף פון גָאט אוּנ וואהל אִיז דֶעם מֶענְטְשֶׁן

צען

---

*) דאס שטייט אין לוחות העדות ·

ווען גאט שטראפט אים דער מיט ווערט ער אפ קומן פאר זייני זונד · אזר שווערט ביא דיא היילגסטע זאכן דאס דיא באשילדיגונג וואס מען לייגט אויף איהם ארויף איז ליגענט ער פאר פלוכט דעם שבתי צבי מיט זיינו גאנצו חברה . אויך פאר פלוכט ער דעם פעלער פון דר ערשטר קמיע וואס האט אליין אויף גישריבן אונ האט גיזאגט דאס ר׳ יהונתן האט דיא קמיע גיגעבן דר נאך האט ער אונ זיין דרשה אלע אין חרם ארין גיליינט דיא וואס וועלן זיך אונטר שטעלין אויף אים נאך עטוואס צוא רעדען פון דר זאך :

ר׳ יהונתן האט דיא קמיעות גישוקט צוא צווייא דיא גרעסטו מקובלים פון דר זעלביגו צייט זייא זאלן ערקלערן אויב עס איז דארטן עטוואס שלעכט איינר איז גיוועזון ר׳ שמואל עסונגען וואס מיר האבן שוין אויבן פון אים גירעד · דר צווייטר האט גיהייסן ר׳ אליהו אלאינאוו איין גרויסר בארומטר מקובל ער איז גיוועזון פריער א רב · דר נאך האט ער גיוואוינט אונ אמשטרדם אונ איז גיוועזון פון דיא הויז מענטשן ביא דעם אמשטרדאמער רב · ר׳ יהונתן האט זיך מיט דיא צווייא מענטשן גאר גישט גיקענט נאר ער האט זיך פאר לאזט אויף זייער צדקות דאס זייא וועלן גיווים זאגן דעם אמת . אונ אין ווירקליכקייט האבן זייא זיך אן גינומן מיט דעם גאנצן לייב אונ זייל פאר ר׳ יהונתן · אונ ר׳ שמואל עסונגען האט גירופן הומל אונ ערד צוא עדות דאס דער זונען פון דיא קמיעות איז זייער טיף אונ קבלה דאס ניט יעדורער קאן דאס פאר שטיין דאס אלע פארמעלן פון דיא קמיעות זענען אויך היילוג פון ריכטוגע היילוגע קוועלן ארוים גינומן ווייטר לייגט ער אונ חרם אלע פיינד פון ר׳ יהונתן וואס האבן אזעלוכע פלאטקס אויף אים אוים גיטראכט ביז וואנן זייא וועלן תשובה טאן אויף זייערי חטאים וואס האבן אזויא פיל מחלל השם גיוועזון . צום סוף שרייבט ער זאל מען מיר געבן אלע אוצרות פון דר וועלט וועל איך פון דעם אמת נישט אראפ גיין · איך וועל פון ליכט ניט מאכן פינצטר׳ דר צווייטר ר׳ אליהו אלאינאוו האט דר קלערט אויך דאס דיא אלע שמות הקדושים פון דיא קמיעות גיפונן זיך אונ דיא אלטו היילוגע קבלה ספרים · ער גיבט ר׳ יהונתן דעם גרעסטן לויב · באקלאגט ביטר ר׳ יהונתנס פיינד · אונ זאגט דאס זייא פאר שטארקן נאך דר מיט דיא פאר פליכטו כתה פון שבתי צבי וויל די קמיעות האבן זיך דאך באוויזען דאס זייא האבן גיהאלפן · וועלן די שבתי צביניקעס זאגן דאס נאר דר נאמן פון שבתי צבי האט גיווירקט אונ ער האט גיהאלפן :

אויך האט ר׳ יהונתן גישריבן איין אויפרוף צוא זיינו פריינד אונ הונדרטער תלמידים וואס האבן מיט אים גילעבט צוא זאמען אונ האבן גיהאט גילעגנהייט צוא באטרכטן זיינע פירונג אין דר אמונה . זייא זאלן אפען

זאגן אויב זייא האבן אים אמאל גיזעהן עובר זיין דיא קלענפטו מצוה דרבנן אדער דעם קלענסטן מנהג אויב זייא האבן באמערקט פון זיינו מעשים עטוואס וואס הט איין פאר בינדונג מיט דיא שבתי צביניקס. האבען זייא איין ווארט גיהערט פון אים וואס זאל אים אונ חשד ברענגן ער בעט וועגן כבוד התורה אז זייא זאלן נאר זאגן דעם אמת. דיזען בריף וואס האט גיהייסן אגרת קנאה. האט ער צוא שיקט אין אלע שטעט אונ עס זענען גיפלויגן הונדערטר טרייסטונגס בריף וואס אלע שולדערן נאר צדקות פון ר' יהונתן אונ זייא האבן אויך דיא הענד אין דר טאש נישט גיהאלטן אונ האבן זיך אן גינומן פאר ר' יהונתן. דר ערשטער וואס האט איים גיטרעטן קעגן ר' יעקב עמדין איז גיוועזון ר' חיים דר לובלינער רב. ער אונ אלע רבנים פון זיין גליל מיט דיא ראשי הקהל האבן ר' יעקב עמדין אונ זיינו חברה אונ גרויסן חרם גילייגט פאר וואס זייא קענען זיך אונטערשטיין דיא צירונג אונ דר שיטץ פון גאנץ ישראל דעם רבן של כל בני הגולה אונ חשד אריין צוא לייגן. דאס רוב קהלות פון פולין ליטא אונגארן מערן אונ איטאליען האבן נאך גימאכט דעם לובלינער רב. אונ האבן אלע מחרים גיוועזון דיא וואס וועלן זיך ערדרייסטן עטוואס שלעכטס אויף ר' יהונתן אוים צוא ברייטן. באזונדערס איז ארוים גיטרעטן דיא ניקעלסבורגער קהלה דיא הויפשטאדט פון מערן. זייא שרייבען אזוא אונ זייער חרם. דר נאך וויא מען האט גיפארשט דיא גאנצו זאך זענען מיר צום פאר שטאנד גיקומען דאס דער גאנצר טומעל וואקסט נאר פון קנאה. יענער אום ריהוגער קאפ (ר' יעקב עמדין) וואס האט שוין אזעלכע מחלוקת אן גיהויבן מיט אנדערו גאונים אונ צדיקים וואס האבן פריער אונ האמבורג גיוואוינט. אין גיבליבן אונ זיינו רשעות ביז היינט אונ האט אויך דיא נייע מחלוקת אן גיצונדן וועלכע באשטייט נאר פון ליגונט אונ בעטריגעריי. בידערוגע אונ שלעכטו מענטשן האבן זיך צוא אים גיחברט וואס האבן דיא היילגע קמיעות פאר דרייט אוים גילייגט וכו' וכו':

אויך האבן פיל קהלות גישוקט בריף צוא דעם אמשטערדאמר רב פיל מיט זידלערייא וויא קען ער זיך ערדרייסטען אויף אזא צדיק אזעלוכע בלבולים צוא מאכן. ר' יהונתן האט דיא קמיעות מיט זייער פירוש גישוקט אויך צוא אנדורע מקובלים אין פולן אונ איטאליען. אונ אלע האבן ערקלערט דאס ר' יהונתן איז אום שילדיג אונ האבן זייערע מיינונג גישוקט צו דיא ראשי הקהל פון האמבורג אדר צו ר' יהונתן אליין.

## ח

דיא קמיעות וואס דר מעטצער רב האט גיפונן דארטן האט מען גילאזט אפ דרוקען אונ דיא פיינד ר' יהונתנס האבן זייא צוא שיקט צו אלע

קהלות פון פולן אונ דייטשלאנד אונ איטאליען. זייא האבן דיא קמיעות אפ
גידרוקט אויף אזא אופן דאס בייא דעם ערשטן אויגנבליק זאל דעם לעזער
איין חשד אונ הארצן ברענגן דאס ר׳ יהונתן איז איין שבתי צביניק. ווארום
מען ווייסט גאנץ גוט אז וויא מען וויל לייענט מען דעם בריף. דיא קמיעות
זענען אויך פאסוויאטשעט גיוועזן פון מעטצער נאטאריוס דאס דיזע
קמיעות האט ר׳ יהונתן גיגעבן אונ מעטץ. אויף דיא קמיעות איז גישטאנן
איין פירוש פון דיא חברה אוים גיקינצעלט מיט ראיות דאס דר נאמען פון
שבתי צבי שטייט אונ דיא קמיעות. אבער דר פון האט מען גוט גיזעהן
דאס דיא שרייבערם פר שטייען פון דער קבלה גאר נישט. אונ דאס
האט געווירקט פאר קערט וויא זייא האבן גיוואלט. אונ אלע קהלות
האבען גיוואלד גישריגען איבער אזעלכע תועבות. אונ האבן ארע
מחרים גיוועזן אזוי וויא מיר האבן גישריבען אונ פריהערדיגען קאפיטיל.
ר׳ יהונתן האט גימיינט אז דיא מלחמה וועט שוין איין סוף נעהמין.
דא איז דער פני יהושע מיט זיינע וואפפען ארויס גיטרעטין. ר׳ יהונתן
האט פרובער צוא איהם איין בריף גישוקט אונ וועלכים ער האט איהם
דער קלערט דיא ריכטוגע מיינונג פון דיא קמיעות. אבער דער פני
יהושע האט איהם דרויף קיין תשובה נישט גישוקט. זיין תשובה האט
ער גילאזט פריער אפ דריקען אונד גילאזט צוא טיילען אונ דער גאנצר
וועלט. אונ צו ר׳ יהונתן איז דוא תשובה איצט אהן גיקומען מיט
עטליכע וואכין שפעטער אונ דער תשובה שרייבט דער פני יהושע אזוי
דוא ערקלערונג פון דיא קמיעות קען מען נישט אהן נעמין. אוך דער פון
איז א באוויז אז ר׳ יהונתן בלאנזעט אונ דער רעליגיאהן ר׳ חיים דער
ליבלונער רב האט אין דעם גאר נישט צוא זאגען אונ האט זיך אהן
בערופען אונ דיזער מחלוקת ארייין גימושט וייל אבער מען באשולדיגט
נישט ר׳ יהונתן פאר איין פאר ברעכער נאר ער בלאנזיט אויף זיין וועג.
אזויא מוז ער זיך פאר אלעמין זיינע זונד מודה זיין. אדער ער זאל
אוים קלייבען דרייא וויכטוגע רבנים אין ער זאל מקיים פסק זיין וואס
דער בית דין וועט משפוטען. וויא ר׳ יהונתן האט ערפארען דיזע
פאפערייא דאס אן שטאט צוא איהם די אנטווארט צוא שוקען האט ער
דאס גילאזט אפ דרוקען. כדי זיין כבוד צוא דער נידערוגען איז ער
גיקומען אונ גרוים צארוי אונ האט זיך אנידער גיזעצט איין ענטפער
צוא שרייבען צוא דעם פראנקפורטער רב. אונ דיזעם בריף גיסט
ר׳ יהונתן זיין גאנצען צארען אוים אויף איהם ער שולדערט איהם פאר
איין בעל גאוה ער האלט פון זיך זייער. ער דארף אבער וויסען דאס
עם איז נישט אזויא וויא ער מיינט זיין ספר פני יהושע איז פיהל מיט
פעלער אונ פון דער קבלה האט ער קיין באגריף נישט. ער דער מאנט

# תולדות יהונתן

איהם אויך דיא אלטע שנאה וואס ער האט דענמאלט מיט צעהן יאהר צוא ריק מרעיש עולמות גיוועזון וואס ער האט גיהערט דאס איך לייג נישט קיין תפילין אום חול המועד · האטשע עס איז גיוועזון ליגונט · אין ר' יעקב עמדין לייגט באמת קיין תפילין נישט חול המועד אונ פון דעסט וועגין רעד ער איהם קיין ווארט נישט · צום סוף שרייבט ער עם ווען ער וועט נישט אויף הערען איהם רודף צוא זיין · וועט ער הייסען איינעם פון זיינע תלמידים ער זאל אלע חסרונות פון זיין ספר פני יהושע אויף דעקען אונד וועט אויס ווייזען דאס דער ספר האט קיין ווערט נישט. · דיזער בריף איז נישט גישריבען נאך זיין כאראקטער נאר אין אדם נתפס על צערו. ביא אזעלכע בזיונות וואס ער הט גילוטען האט ער זיך נישט גיקענט איין האלטען · אבער דער נאך אז דער כעס איז ביא איהם שטילער גיווארון האט ער דעם בריף נישט אוועק גישוקט אונ האט איהם גילאזט ליגען אונ דעם שרייב קעסטיל · נאר איינער פון זיינע תלמידים האט דעם בריף גיפאקט אונ מען האט אפ גישריבען קאפיעס אונ האבען צוא טיילט דיא קאפיעס אהן ר' יהונתנס ויסען איין קאפיע פון דיזעם בריף איז אויך אהן גיקומען צום פני יהושע · נוא מער האט מען שוין נישט גידארפט דא האט זיך דער צארן אונ זיין הארץ אהן גיצונדען וויא דער גרויסער פלאם . אונ האט באלד גישריבען איין בריף צוא דיא ראשי הקהל פון האמבורג אונ האט זייא פאר גיווארפען וויא קענען זייא אזא שבתי צביניק האלטען אונ זייער שטאט דיא ארע צרות וואס אונ דעם יאהר איז גיקומען אויף יודען איז דאך נאר צו ליב זיינע חטאים זייא דארפען דיזע זאבע זיך צום הארצען נעמען אונ דיא רשעות פאר טיליגען פון זייער קהלה · אבער אנשטאט דעם בריף אוועק צוא שיקען צוא דיא ראשי הקהל האט ער אים גישוקט צוא איינם אדארטיגען איינוואנער איין גרויסער שונא פון ר' יהונתן אונ איידער ער האט דעם בריף אפ גיגעבין דיא ראשי הקהל האט ער אלעמען גיגעבן צום לייענען דיא ראשי הקהל האבן איהם גאנץ גילאסין גיענטפערט דאס זייא ווערין שוין אליין ויסען וואס צוא טאהן · אונ בעטון אים ער זאל אויף הערין דם מחלוקת ווייטער צוא טרייבען ווארום עס וועט איהם דיזע זאך קיין כבוד נישט ברענגען :

אויך די שטאט לייט פון קראקע האבען גישריבען א בריף צו דעם אמשטרדאמער רב אין צוא דעם פראנקפורטער רב אז זייא ברענגען מיט דעם מחלוקת איין אום גליק אויף דער גאנצער אומה . אונ זענען מחלל השם ביא דיא אנדערע פעלקער · דען איין פולישע צייטונג הט דענמאלט גישריבען אנייעס דאס צווייא רבנים אונ דייטשלאנד קרוגען זיך · איינער זאגט דאס משיח איז שוין גיקומען אונ איינער זאגט דאס

ער וועט נאך קומען · אונ דער פון זענען דיא יודען צוא מיילט גיוואָרן אונ צווייא פּורטייען · דיזע רייד ברענגען דאך נאר שאנד פון דעם יודישען פאלק · אונ וויא קענען זייא דאס טאהן אזא מאן וויא ר׳ יהונתן אזא למדן אין אזא צדיק ווס ער איז צו א מלאך גלייך אזויא צוא באשמוטצען · זייא וועלין אויף טרעטין מיט אלע מאכט וואס זייא האבן אונ דו הענד קענין דוא פיינדע פון ר׳ יהונתן זייא וועלען איין שרעקליכען חרם אויס שפּרעכען אויף אלע וואס שטעקין אין דיזע מחלוקת · זייא וועלין נישט קוקען אויף יחוס אונ פאמיליע אונ געווים וועלין אלי קהלות אויך אזוי טאן וויא זייא אונ וועלין דיא רשעים פערטיליגען :

אבער דיזע אלע שטראשונקעס האט גאר נישט גיהאלפון · ר׳ יהונתנס שונאים האבן זיך גאר נישט אפּ גישראקין אונ גיטאן וואס עס איז נאר מעגליך גיוועזון אונ זייער האנד צוא טאן · דיא דרייא רבנים דוא הויפּט שונאים פון ר׳ יהונתן האבן צוא גיזאגט עולם הבא דעם מענטשן וואס וועט מקנא זיין קנאת ה׳ אונ דיזער מחלוקת אונ וועט רודף זיין דעם ר׳ יהונתן אבער אויף דעם יודישען וועג האבן זייא שוין ווייניג גיקענט מאכון ווייל דער פאר שטאנד האט מחרים גיוועזון אלי וואס וועלען עט וואס רעדין אויף ר׳ יהונתן· וואס האבן דיא שונאים גימאכט · זייא זענען גיגאנגען אונ האבן פאר קלאגט ר׳ יהונתן בייא דער רעגירונג אויף דיזע פונקטען . 1 דער אבערראבינער פון האמבורג איז אפּ גיפאלען פון זיין אמונה · דיא קמיעות וועלכע מען האט פון מעטץ אריין גישוקט גיבן דעם באוויז דאס ער איז איין שבתי צביניק אדער פיל לייכט גאר אמכשף *) ·
2 ער שלעפּט אן פון דער גאנצער וועלט אהער צוא בחורים וואס זייא פארען וויא איין לאסט אויף דער שטאט ווייל דיא שטאט לייט מוזען זייא געבין אלץ, נאך אזעלכע מסירות האבן זייא אויף איהם דער לאנגט אונ דער פּאליצייא אין דער פון איין קאפּיע האבן זייא אפּ גישוקט דעם סאנאט · דער צוא האבן זייא נאך צוא גילייגט איין פאפיר פון דעם פראנקפורטער רב אונ פון נאך צווייא רבנים וואס זייא שרייבין דאס ר׳ יהונתן איז איין שבתי צביניק אונ זייא וועלין איהם אין חרם לייגין סיידין מען זאל מאכון איין קאמפּראמעס פון דרייא בארומטע רבנים אונ ער זאל מקיים פּסק זיין ווס זיי וועלין זאגין · דיזעם פאפיר האבן זיי צו גילייגט צוא זייער דענונציאציע · אונ זייא האבן שוין גיהאפט דאס זייא וועלין איצטער צום ציל קומען· אבער עס האט זיך גאר פאר קערט אויף גיוויזון דער בורג מייסטער פון האמבורג האט נאך איהם גישוקט האט

זיך

*) עס איז באוויסט דאס אונ דיזער צייט האט מען אונ דייטשלאנד פארברענט אום שולדיגע מענטשן וואס מען האט אויף זייא איין בלבול גימאכט דס זיי זענען מכשפים ·

זיך מיט איהם אונטער געהאלטען איין לאנגע צייט אונ איז אונ דיא העכסטע פאר ווינדערונג גיקומען וויא ער האט גיזעהן דיא גרויסע קענטשאפט פון ר׳ יהונתן אונ אלי וויסען שאפט האט ער איהם באוויזען גרויס כבוד אונ דער סוף פון דער זאך איז גיוועזן דאס דער סענאט האט דיא גאנצע קלאגע אפ גיווארפון · אבער זיינע שונאים האבן נישט גירוהט אונ האבן דער לאנגט איין פאפיר צום קיניג זעלבסט די איינגע פונקטען וואס זייא האבען גישריבען צום סענאט אונ האבען נאך דאס צוא גילייגט :

1 דאס אויס ווייהלונג פון ר׳ יהונתן פאר האמבורגער רב איז גיוועזן קעגין דאס גיזעטץ וייל נאר זיינע קרובים האבען איהם גימאכט פאר א רב אין זייא האבן קיינעם נישט גיפרעגט אונ ער איז דא רב קעגען דעם ווילען פון רוב קהל ·

2 ער שרייבט זיך איין טיטעל דיא קרוין ישראלם · אזא טיטעל פאסט נאר פאר איין קינוג · אונ ער באליידונגט דער מיט זיינע מאיעסטעט.

3 ער האט ארוים גישוקט איין גרויסין בריף צוא אלע זיינע תלמידים וואס ער בונטעוועט זייא אז זייא זאלין זיך פאר איהם אהן נעמין אונ דיזעם בריף שטעלט ער זיך גלייך צוא גאט :

אויך ר׳ יעקב עמדין איז ליידיג נישט גיזעסון אונ האט פון אמשטרדם גישריבען צוא דעם ועד פון ד׳ ארצות דאס זייא זאלין זיך פאר איהם אהן נעמין · איך מוז אבער דא דער קלערין וואס האט בייטייט דער ועד פון ד׳ ארצות מיט א פאר הונדערט יאהר צוא ריק זענין דיא יודען אין פולין גיוועזן זייער נידעריג גישטעלט דיא רעגירונג האט זיך ווענין זייא גאר כמעט גיקומערט · זייערי ספראווים איז נישט גיווארון גיסאדיט אונ זייערי סאנדים · אונ צו דיא שולען פון בילדונג האט מען דיא יודען נישט צוא גילאזט · זייא זענען גיוועזן באטראכט אונ פולין ווי א ציגיינער חברה · דיא אלטע פאלאקין האבין דיא יודין גאר פר קיין מענטשין נית גיהאלטין; דער פאר אבער האט גיהערשט בייא יודען דיא גרעסטי אחדות אונ האבן זייערי זאכין גירונגילט צווישען זיך אליין אלע פיר לענדיר קליין פולין גרויס פולין גאליציען אונ ליטא האבן זיך דיא יודין פאר בונדין אונ איין בונד . אונ איינמאהל אין יאהר פלעגט מען צוא זאמען קומען אין איין באשטומט ארט דיא גרעסטי רבנים . אונ גרויסע לייט וואס זענען גיווארון אויס גיקליבען פון יעדער קהלה · אונ דארטון פלעגט באשפראכען ווערדין אלי זאכין וואס איז גיוועזן נוגע צוא דם יודישקייט תקנות גימאכט אונד אויך איז דוא פאר זאמלונג גידונט וויא איין אפעלאציע סאנדאווע דיזע אסיפה האט גיהאט צוא זאגען איבער אלע יודען אונ דיזע פיהר לענדיר · אונ אזויא וויא זייא האבן באשלאסען איז גיוועזן היילג · דיזע

פאר זאמלונג האט גיהייסן (ועד) · דער פרעזידענט איבר דר אסיפה
האט גיהייסן (פרנס הועד) · דר סעקרעטר האט גיהייסן נאמן דד׳ ארצות ·
אויסער דיזע גרויסע פאר זאמלונג פלעגין צוא זיין קליינע פאר זאמלונגען
ניכט פון אלע לענדער נאר אונ איין גליל דיזע פאר זאמלונג האט
גיהייסין (ועד הגליל) · אויך פלעגין רבנים צוא זאמין קומען אויף ירידין
ווייל דארטין קומען פאר פיל דין תורות דער בייא פלעגין זייא אויך
איבער אנדערי וויכטיגע זאכון באשפרעכון· אין יאהר תקי״ו (1751) איז
גיוועזון דער פרנס הועד ר׳ אברהם בן יוסקי אוים ליססע · אין דער
ועד איז גיוועזון קאנסטאנטון אונ וואהלין · צוא דיזעם ר׳ אברהם
האט ר׳ יעקב עמדין זיין בריף גישוקט עס האט גיהייסון אגרת שום ·
עס איז שוידערליך צוא הערון דיא בלבולים וואס ער האט אין דיזעם
בריף גימאכט אויף ר׳ יהונתן · צווייא אונ צוואנציג בראט גידרוקט מיט
קליינע אותיות איז פיל מיט זידלערייא אונ בלבולים אז עס איז גאר
נישט צוא פאר שטייען וויא אזוי אמאן וויא ר׳ יעקב עמדין זאל קענען
אזויא פיהל שמיין אזויא פיהל ליגונט צוא זאמון גראבין · ער מאכט
ר׳ יהונתן פאר איין פראסטון גנב · ער האט צוא גינומען בייא מענטשן
געלד אונ האט אפ גילייקינט ער מאכט איהם פאר א נואף אונ ער האט
דער לויבט זיינע תלמידים ארץ צוא טאן דער פאר זאגען זייא איהם
גוט גיוועזון · ער מאכט אים פאר איין געטצין דינער · אונ ווארט יעדעש
טאג ער זאל קענען דעם געטצינדינער איין פיהרען בייא יודען · ער
לייגט קיין תפילין נישט . ער האט פלייש גיגעסין אונ וויין גיטרונקען
אום תשעה באב *) · ער האט גיגעסין דעם הינטער פערטיל ניכט
גיטרייבערט אונ האט נאך דער מיט מכבד גיוועזון אנדערי בעלי בתים
ער האט אויף אלע עשרת הדברות עובר גיוועזון געטצין גידונט מחלל
שבת גיוועזין · אונ נאך אזעליכע טויזונטער חטאים· דער צוא שרייבט
ער דאס ר׳ יהונתן איז איין עם הארץ ער קען קיין זאך נישט · דעם
לובלינער רב רופט ער רשע בן רשע א דבר אחר וום גראבט אונ מיסט
אונ נאך אזעליכע שיינע ווירא זען · מיט איינעם ווארט דער בריף איז פיל
שמיין מיט קללות אויף אלע זייטון ער איז גידרוקט אין עדות ביעקב
פון ר׳ יעקב עמדין:

דער ועד אונ קאנסטאנטון האבען אויף דעם פאשקעוויל פון ר׳ יעקב

עמדין

---

*) עס זענען גיקומען עדות אונ האבן גישווארון דאס זייא האבן גיזעהן ר׳ יהונתן האט גיגעסין פלייש אונ גיטרונקען וויין אום תשעה באב. דו מעשה איז טאקע אמת גיוועזון חייל אונ דיזעם יאר איז תשעה באב גיפאלען אום שבת. מיט אזעלכע פאלשקייט איז מען גיגאנגען אונ דער היילוגר מלחמה. קעגין אזא גאון וויא ר׳ יהונתן.

עמדין גאר נישט גיקוקט דר פרנס האט איהם אפילו גאר ניכט גיענטפערט נאר ער האט גישריבען איין בריף צו דעם פארשטעהער פון האמבורג נאר לטובת ר׳ יהונתן. ווייא ר׳ יעקב עמדין האט דאס גיהערט האט ער נאך איין בריף צו זייא גישריבען האט דער ועד אים גיענטפערט דאס מען מוז זעהען עס זאל ווערין איין שלום צווישען ביידע אונ זייא וועלין זיך ביימיהען בייא דיא ראשי הקהל פין האמבורג מען זאל אים לאזין אין אלטונא צוריק וואנען. דיזע תשובה האט אים ווייניג גישמעקט אויך פון דעם ועד וואס איז גיוועזין אין יאהר תקי״ב דיא קהלה פון דיא פינף שטעט הראדנא בריסק סלוצק ווילנא אונד פינסק האבען פיל גישפראכען איבער דיא קמיעות. אונ דער סוף איז גיוועזין דאס זייא האבען גיוואלט מחרים זיין ר׳ יעקב עמדין נאר דער סלוצקער רב ר׳ אברהם קאצינעלינבויגין א פריינד פון עמדין האט צוא דעם חרם נישט צוא גילאזט. נאר מען האט גישוקט איין כתב צוא ר׳ יהונתן דאס זייא דער קענען אים פאר גירעכט אונ פאר פלוכען אלע זיינע פיינד. אונטער דעם כתב איז אויך ר׳ אברהם קאצינעלינבויגין גיוועזין אונטער גישריבען. אויך פון קאנסטאנטינאפיל זענען בריף גיקומען פיהל לויב אונ כבוד פר ר׳ יהונתן. אונ האבען ערלויבט זייערי בריף אפ צו דרוקען אונ אלעמין די עקסעמפלארען צוא פאר טיילין דער בית דין פון פראג אונד דער לאנד רב פון מעפריין ר׳ שמחה פאפער האבען זייער שטימע אויף גיהויבען קעגין דיא פיינד פון ר׳ יהונתן אונ האבען מחרים גיוועזין דיא וואס אונטער שטעלען זיך צוא רעדין אויף דעם הייליגען מאן ר׳ יהונתן וואס ער איז דער גרעסטער אין נגלה אונ אין נסתר אונ זיינע פיינד קומען נישט צוא זיינע קנעכיל:

אבער נאך מער ווייא אלע האט זיך אויס גיצייכונט הגאון ר׳ יחזקאל לאנדע דער נודע ביהודה דענסט מאלט איז ער נאך רב גיוועזין אונ יאמפעלי אונ וואלין. ער צייגט זיך גאנץ אונ פארטייאיש אונ צוא גלידערט דיא גאנצע זאך מיט דעם גרעסטין פאר שטאנד אונ קלארהייט אונ האט גיוואלט מאכין איין מיטעל וועג צווישען ביידע פארטייען. אבער ר׳ יעקב עמדין האט דאס נישט גישמעקט איז ער ארוף גיפאלין אויף איהם אונ האט אים גיזידילט כאחד הרקים. ער האט אים אבער גאר נישט גיענטפערט. ר׳ יעקב עמדין האט אים אבער איין גרויסע טובה גיטאן. דען דארך דעם איז ר׳ יחזקאל לאנדא גיווארון רב אין פראג אונ האט דארט גיוואנט פערציג יאר מיט גרויס כבוד אונ ליבשאפט. ער האט דיא קבלה נישט ליב גיהאט. אונ די אלע יהי רצונם וואס עס שטייט אין דאווינען האט ער גיוואלט אפ שאפין. איינמאל אום סוכות איז גיקומען צוא איהם איין באקאנטער אונ האט אים

גיבעטון ער זאל אים געבין זיין אתרוג צום בענטשין · האט ער איהם שוין גיוואלט געבין נאר וויא ער האט גיזעהן דאס ער נעמט דעם סדור אין וויל זאגען דעם יהי רצון פאר אתרוג בענטשין האט ער איהם דעם אתרוג נישט מער גיגעבן : *)

## ט

דיא רעגירונג פון דענומארק האט פון אנקלאגע וואס מען האט דר לאנגט אויף ר' יהונתן פופצהן פונקטן אויס גיקליבן דיא וויכטיגסטי · אונ זיא האט פאר לאנגט פון ר' יהונתן ער זאל זיך דאריבר פאר ענטפערן · ביא זונדר האט דיא רעגירונג פאר לאנגט ער זאל איבר זעטצן דיא קמיעות אויף דייטש אונ איין ריכטיגע ערקלערונג צוא געבן כדי דיא רעגירונג זאל אליין וויסען דעם אן האלט דר פון · דאס איז אבר גיוועזן פאר ר' יהונתן אונ מיגלך דא האבן אים צוויי קריסטן אונ דער זאך גיהאלפן · איינר האט גיהייסן קארל אנטאן איין גיטויפטר איד פראפעסער פון דר העברייאישע שפראכע אין העלמשטאט אונ דר צווייטר האט גיהייסן דוד מעגערלין פראפעסר אונ פראנקפורט :

דיאביידע האבן דיא קמיעות איבר גיזעצט אין ער קלערט דאס עס איז דארין קיין זאך נישט דר מאנט פון שבתי צבי · אויך האט ר' יהונתן ביא ליינגט דיא אלע בריף פון דיא רבנים וואס זענן גיוועזן פון זיין זייט · דיא רעגירונג האט ערקלערט דאס ער איז אונ שילדיג · אונ דיא וואס וועלן רעדן אויף ר' יהונתן וועלן באשטראפט ווערן · אויך וועגין דעם פונקט וואס דיא דענציאנטין האבן דר לאנגט דאס ר' יהונתן איז גיווארן רב נאר פון עטליכע פריינד אן דעם רצון פון דיא שטאט לייט. האט דיא רעגירונג באפוילן מען זאל ר' יהונתן פון נייעם אויס דר וויילען פון דיא גאנצו שטאט · מסתמא איז דאס רוב גיוועזן פון זיין זייט אונ ער איז גיוועזן בתקפו וויא פריער פון דעסט וועגין האט ער גיוואלט פון זיך דם חשד אראפ ווארפן אונ זיך ריין וואשן אונ דיא אויגן פון דר וועלט האט ער פאר לאנגט דאס מען זאל פון ביידע זייטן אויס קלויבן דרייא גרויסע רבנים זייא זאלן זיין דיא ריכטר איבר דר זאך · אונ אזויא וויא זייא וועלן זאגן זאל אזוא בלייבן מען האט שוין דיא רבנים אויס גיקלובן איינר איז גיוועזן דר גלוגר רב דר ² טר דער ליסער רב דר דרוטר בערלינר רב · שוין האט מען באשטומט דעם טאג אונ דעם ארט וויא דיא רבנים זאלן צוא זאמן קומן · דא האבין דיא דרייא רבנים פון מעטץ פראנקפורט אמשטרדם זיך מישב גוועזן דם זיי ווילן נישט קיין קאמפראמעס פון אנדרע

רבנים

*) דאס שטיט אין ספר תשובה מאהבה תשובה א' פון ר' אליעזר פלעקילס ראב"ד פון פראג

רבנים. נאר ר׳ יהונתן מוז קומן אונ שטיין פאר זייא • אונ אזויא וויא זייא
וועלן זאגן זאל בלייבן • נאטירליך איז פון דר גאנצר גישיכטע גאר נישט
גיווארן • אונ דר גיהאפטר פרידן איז בטל גיווארן דר ווייל האט מען
פרישע שריפטן ארויס גיגעבן קייגן ר׳ יהונתן אונ בריף זענן ווידר גיפלוגן
פון אלע זייטין פר ר׳ יהונתן אונ קייגין אים • אונ ערשט דאמלס אז דר פני
יהושע אין דר אמשטרדאמער רב זענן גישטארבען הט דס מחלוקת ביסלאך:
ווייס אויף גיהערט ר׳ יעקב עמדין איז צוריק גיקומן נאך אלטונא אונד הט
אונ זיין דרוק פאר שידענע ספרים גידרוקט קעגין ר׳ יהונתן איינס הייסט
(שבירת לוחות) אונ קעגין דעם לוחות העדות וואס ר׳ יהונתן האט גידרוקט •
אונ דר צווייטר (עדות ביעקב) • אונ נאך אנדורע פאשקעווילן וואס ער הט
גידרוקט • דיא פיינדע ר׳ יהונתנס האבן איין נייע דענונציאציע דר לאנגט דר
רעגירונג דאס דיא תלמידים וואס ר׳ יהונתן האט מיט גיבראכט פון מעטץ
זענן נאר שפיאנן אבר זייא האבן מיט דיא מסירות גאר נישט גיפוילט •
אדרבה מען דר ציילט א זייער וויכטוגע זאך וויא גרויס ער איז גיוועזן
ביא דעם קינוג פון דענעמארק פרידריך דער פונפטער • דיא גישוכטע איז
אזוא גיוועזן • ר׳ יהונתן איז באקאנט גיוועזן מיט דעם דיאקאנם (גיימטלוכר)
פון קיניג • ווייל ער האט מיט איהם שטענדיג גיהאט וויכוחים אונ דער
אמונה • דער דיאקאנוס האט איהם זייער אפ גירומט פאר דעם קעניג
אז ער איז זייער איין גרויסער מאן האט דער קעניג גיזאגט דאס ער וויל
איהם קענען האט איהם דער דיאקאנוס פאר גישטעלט דעם קעניג • דער
קעניג האט זיך מיט איהם לאנג אונטער גיהאלטין אונ איז איהם זייער
גיפעלין האט איהם דער קעניג גיזאגט דאס ער קען זיך עט
וואס אויס בעטין ביא איהם אונ ער וועט איהם ממלא זיין ר׳ יהונתן האט
איהם גיענטפערט דאס ער דאנקט איהם דער פאר ער ברויכט פאר זיינע
פערזאן ניכט מער • וואס ער באדארף גיבט איהם דיא גימיינדע אונ מער
טאר א יודישער רב נישט פאר לאנגען • דיא תשובה איז איהם גיפעלין
גיווארן • אונ נאך עטליכע טאג האט איהם דר דיאקאנוס גיבראכט איין
דיפלאם פאן קעניג דאס ער איזט באראן (פון אייבעשיץ) • ער איז דר
ביא גיווארן איבר גראשט אבר ער האט קיינום נישט דר ציילט דר פון
אפילו זיין אייגן ווייב האט דר פון נישט גיוויסט איין מאל איז ר׳ יהונתן
גיגאנגין מנחה דאווינען אין שיל איז ער דוירך גיגאנגין דורך איין שמאל
געסיל האט ער דר זעהן וויא איינר איז גיפאלן אונ חלשות גיבליבן ער איז
צוא אים צוא גילאפון אונ האט אים גיהאפט אויף דר פלייצו אונ אים אוועק
גיטראגין צוא זיין ווייב אונ הט איר אן גיזאגט זיא זאל טאן אלי מעגליכקייט
דאס דר מאן זאל צוא זיך קומן אונ ער איז גיגאנגין צוריק אונ שיל • דער
ווייל הט זיך דר מענטש אוף גיהאפט אונ איז בעסר גיווארן וויא ר׳ יהונתן

איז געקומען פון שול איז דער מענטש אנידער געפאלן פאר ר׳ יהונתן צוא דער ערד אונ מיט ביטערע טרערין האט ער גיוויינט דאס ער זאל אים מוחל זיין · ר׳ יהונתן האט ניט גיוויסט וואס זיינו ווערטר באטייטן · דער מאן האט אים ארויין גירופין אונ איין אנדר צימר אונ הט ארוים גינומען איין שארף מעסר פון בוזעם אונ האט גיזאגט אזויא דיזעס מעסר איזט גיוועזן ביי שטומט דעם רבי צוא טייטן דיא שונאים האבן אים דר צוא גידינגן גאר וויא ער האט דר זעהן דעם רבי האט אים אן גיהויבן צוא ציטערען הענד אונ פים אונ איז אין חלשות גיבליבן · ר׳ יהונתן האט איצט פאר שטאנען וואס פאר איין נס גאט האט מיט אים גימאכט ער האט דעם מענטשן געלד גיגעבן אויף דר רייזע אין דאס מעסר האט ער צוא גינומען אויך האט ער דיא גאנצו גישיכטע אויף גישריבן · אין א יאהר ארום האט ר׳ יהונתן גימאכט איין קליינע שמחה אויף דעם נס וואס גאט האט מיט אים גיטאן ער הט צו זאמען גירופען זיינו גוטע פריינד אונ האט זיי פאר גילייענט דיא גאנצו גישיכטע דר נאך הט ער צוא זייא גיזאגט · מיינט נישט דאס איך בין איין גיוויינטליכר מענטש איך בין א בארון, אונ האט זיי גיצייגט דם דיפלאם וואס דר קעניג האט אים גישוקט אלו זענן גיווארן דאריבר פאר וואנדערט אבר אין איינוגע אויגונבליק האט גינומען ר׳ יהונתן דעם דיפלאם אונ האט אים אויף דעם פייער ארויף גיווארפן איצט זעהט האט ער צוא זיינו גוטע פריינד גיזאגט וואס פאר איין ווערט עס האט ביי מיר דיא גרויסקייט פון דיזער וועלט · שפעטר האט זיין זון וואלף פר לאנגט איין קאפיע פון דיזעם דיפלאם אונ הט גיוואנט אין דרעזדען אונטר דם נאמען בארון פון אייבעשיטץ:

## י

דיא שונאים פון ר׳ יהונתן זענן נאך נישט שטיל גיווארן · נאך האבן זייא גיזוכט אים צוא באשמוטצן · אונ מיט אלע נידער טראכטוגע מיטלן זיין נאמען צוא ערנידערוגן · עס האט זיך אנייער עדות גיפונן וואס האט גישווארן אין שיל דאס ער האט גיזעהן וויא ר׳ יהונתן האט אום שבת צוא זאמן גינייט זיין קאפטאן · אין שטאט האט זיך ווידר גימאכט וויא אין איין קעסיל אונ יונג אונ אלט האבן דר פון ווידר גרעד · עס איז גיוועזן גראדע איין טאג פון יום כפור קטן ר׳ יהונתן האט באקאנט גימאכט אונ שטאט דם ער וועט היינט א דרשה האלטן דר עולם איז צוא זאמן גיקומן אין שיל · דר חעטר אונ דרויסן איז גיוועזן שרעקליך · בליץ נאך בליץ דינער נאך דינער האט גיקנאקט אין דיא אויערן פון דיא פאר זאמולטע · דיא הערצר פון אלו מענטשין זענן ציבראכן גיוועזן · אונ דר חזן האט דיא תפלות מיט גרוים גיוויין גיזאגט · דר נאך איז ארויף דר גרייזער ר׳ יהונתן אויף דר בימה · האט אויף גיעפונט דעם ארון הקדש אונ מיט איין גיוואלטוגר שטימע האט

# תּולדות יהונתן

עֶר גִּישְׁווֹאוֹרֶן בַּייא גָאטְס נָאמֶן דָאס עֶר אִיז רֵיין פוּן דִיא אַלֶע בִּלְבּוּלִים וָואס מֶען הָאט אוֹיף אִים גִימַאכְט · פַאלְטְשׁ אִיז דֶר עֵדוּת וָוס הָאט גִיזָאגְט דָאס עֶר הָאט מְחַלֵל שַׁבָּת גִיוֶועזוּן · גָאט זָאל דֶעם פַאלְטְשֶׁן עֵדוּת בַּאשְׁטְרָאפֶן עֶר זָאל זִיךְ אוּם טְרַייבֶּן פוּן אֵיין אָרְט צוּא דֶעם אַנְדֶרֶן אוּנ זָאל זַיין נָע וְנָד אַזוֹ וִויא קַיִן · אַלֶע הֶערְצֶר זֶענֶן גְרוּרְט גִיוָוארֶן בַּייא דִיזֶער סְצֶענֶע · אוּנ פוּן דִיזֶער צַייט אָן הָאט קֵיינֶר נִישְׁט גִישְׁמֶעהְט אֵיין שְׁלֶעכְט וָוארְט אוֹיף ר׳ יְהוֹנָתָן צוּא רֵיידֶן · אָבֶּר דִיא פִיל צָרוֹת וָואס עֶר הָאט גִילִיטֶען הָאבֶּן זַיינוּ גִיזוּנְדְהַייט צוּא שְׁטֶערְט אוּנ אִיז שְׁטֶערְבְּלוּךְ קְרַאנְק גִיוָוארֶן · אֵיינֶר פוּן ר׳ יְהוֹנָתָנְס שׂוֹנְאִים אִיז צוּא אִים גִיקוּמֶן פַאר זַיין טוֹיט אִיהְם מְחִילָה צוּא בֶּעטִין · וִויא ר׳ יְהוֹנָתָן הָאט אִים גִיזֶעהְן הָט עֶר זִיךְ מִיט אַלֶע קְרַאפְט אַנִידֶר גִיזֶעצְט אוּנ הָאט צוּא אִים גִיזָאגְט אִיר פְרֵייד אַיךְ שׁוֹין דָאס אִיר וֶועט בַּאלְד אַנְטְקֶעגִין דֶעם נַייעֶם רָב אַרוֹיס פָארֶן אָבֶּר אִיהְר הָאט אִיהְם נָאךְ נִיכְט גִיזֶעהְן · דֶער מַאן אִיז גִיוָוארֶן זֵייעֶר דֶר שְׁרָאקֶן בַּייא דִיא רֵייד דֶר וַוייל אִיז ר׳ יְהוֹנָתָן נִפְטַר גִיוָוארֶן בְּיוֹם כ״א אֱלוּל שְׁנַת תקכ״ד זַיין טוֹיט הָט אֵיין רוֹשָׁם גִימַאכְט אוּנ אַלֶע שְׁטֶעט · אוּנ פְרָאג הָט אִים דֶר נוֹדָע בִּיהוּדָה מַסְפִּיד גִיוֶועזוּן דֶר נָאךְ ר׳ זֶרַח אֵיידְלִיץ · נָאךְ אִים הָט אִים מַסְפִּיד גִיוֶוען הַגָּאוֹן ר׳ מֵאִיר פִישֶׁעלְס עֶר הָאט אוֹיף אִיהְם גִיזָאגְט אוּנ דֶעם הֶסְפֵּד דָאס אִין נִגְלֶה אִיז עֶר גִיוֶועזוּן וִויא דֶר רמב״ם אִין אוּנ נִסְתָּר וִויא דֶר אר״י הַקָדוֹשׁ · אִין הַאמְבּוּרְג הָאט מֶען אוֹיף גִינוּמִין פַאר אֵיין רָב הַגָּאוֹן ר׳ יִצְחָק הוֹרְוִויץ · דִיא רָאשֵׁי הַקָהָל זֶענֶן אִיהְם גִיפָאהְרֶן אַנְטְקֶעגִין · אוֹיךְ דֶער שׂוֹנֵא וָואס אִיז גִיוֶועזוּן בַּייא ר׳ יְהוֹנָתָן פַאר זַיין טוֹיט אִיז אוֹיךְ אַרוֹיס גִיפָארֶן דֶעם נַייעֶם רָב אַנְטְקֶעגִין אָבֶּער אֵיידֶער עֶר הָאט נָאךְ דֶעם נַייעֶם רָב גִיזֶעהְן אִיז עֶר אַרוֹיס גִיפַאלִין פוּן וָואגִין אוּנ אִיז גִיהַארְגִיט גִיוָוארוּן ר׳ יַעֲקֹב עֶמְדִין הָאט נָאךְ צְוֶועלִיף יָאר גִילֶעבְּט נָאךְ ר׳ יְהוֹנָתָנְס טוֹיט עֶר אִיז בְּלִינְד גִיוָוארוּן אוֹיף דִיא לִיכְטִיגֶע שְׁטָאהְר:

פִיהְל יָאר אִיז פַאר אִיבֶּער גִינַאנְגֶן פוּן דִיזֶער צַייט · אִין אֵיין אֵיינִיקֶעל פוּן ר׳ יְהוֹנָתָן עֶר הָאט גִיהֵייסוּן דָאקְטוּר גַבְרִיאֵל אֵייבֶּעשִׁיץ הָאט גִיוואוֹנְט אִין דֶער שְׁטָאט קַאטְהֶעןּ אוּנ דַייטְשׁוּנְלַאנְד · אֵיינְמָאהְל אִיז גִיקוּמֶן צוּא אִים אַשְׁלִיחַ פוּן דֶעם פָארְשְׁטַאנְד אִים בֶּעטוּן עֶר זָאל אַזוֹיא גוּט זַיין קוּמֶען אוּנ שְׁפִּיטָאל עֶס אִיז דָארְט אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ צוּא זֶעהְן דֶער דָאקְטֶר הָאט בַּאלְד אַיין גִישְׁפַּאנְט דֶעם וָואגִין אוּנְד אִיז גִיקוּמֶן אִין שְׁפִּיטָאל · דָארְט הָאט מֶען אִים צוּא גִיפִירְט צוּא אֵיין אַלְטוּן קְרַאנְקוּן מַאן דֶער קְרַאנְקֶער הָאט דֶעם דָאקְטֶער דֶער צֵיילְט דָאס עֶר אִיז דָאס דֶער פַאלְשֶׁער עֵדוּת וָואס הָאט גִיזָאגְט אַז ר׳ יְהוֹנָתָן הָאט זַיין קַאפְּטוּן צוּא זַאמִין גִינֵייט · עֶר אִיז אוֹיךְ אוּנ שׁוּל דֶער בַּייא גִיוֶועזוּן וִויא ר׳ יְהוֹנָתָן הָאט אִיהְם פַאר פְלִיכְט אוּנ פוּן דִיזֶער צַייט הָט עֶר אֵיין מְנוּחַת שָׁעָה נִישְׁט גִיהַאט אוּנ אִיז

תמיד נע ונד אונ וויא ער איז איין טאג קען ער דיא נאכט נישט בלייבן · דעם דאקטער האט דיא זאך זייער בארורט ביים הארצון אונ הט אגרוסע סומע געלד איבער גיגעבין דעם פאר שטאנד דאס ער זאל פאר דעם אלטון זארגין ביז זיין טויט · וויא דעם אלטען איז בעסיר גיווארון איז ער גיפארען קיין אלטונא צום קבר פון ר' יהונתן אים מחילה צוא בעטין :

---

אויף זיין מצבה איז אויף גישריבן דיזע ווערטיר
וואס ער האט אליין נאך ביים לעבין גישריבין :

י ראה כל עובר החרות על הלוחות
ה איש אשר עמד לנס ויהי כשושן פורחת
ו שב לעפר ומראהו כאיש משחת
נ א שימו על לב ושובו בתשובה נצחת
ת פלה תרבו בעדו לאלהי הרוחות
נ פשו אליו יאסף לבל תהיה נדחת
ז כות מעשיכם יגינו נפש ישראל אחת
ך כדו מוסר לשנוא כבוד וסגדולה תהי נפשכם בורחת

## רשימת הספרים אשר חבר הגאון הגדול מוהר"ר ר' יהונתן זצ"ל

### 1 ספרי פלפול ·

א בני אהובה באור על הרמב"ם הלכות אישות הלכות גירושין הלכות יבום וחליצה · יצא לאור בפעם הראשונה בפראג שנת תקע"ט 1819 :

ב אורים ותומים באור על חושן המשפט מסימן א' עד סימן קנ"ב ונספח לזה קונטרוס תקפו כהן וקיצור כללי מיגו יצא לאור על ידי נכדו בפעם הראשונה בקארלסרוה שנת תקל"ה 1875

ג כרתי ופלתי באור על יורה דעה מסימן א' עד סימן קי"א ונספח לזה קונטרס פני נשר להתיר אחזות הבר יצא לאור באלטונע עוד בחיי המחבר שנת תקי"ז 1857

ד חדושי הלכות נדה באור על יורה דעה הלכות נדה מסימן קפ"ג עד קצ"ו יצא לאור בקארלסרוה שנת תקל"ג 1873

ה בינה לעתים חדושים על הלכות יום טוב על הרמב"ם ועל מסכת ביצה יצא לאור בוויען שנת תקנ"ז 1797

ו תרי"ג מצות מונה המצות להרמב"ם בדרך שיר נחלק לשבעה ימי השבוע יצא לאור בפראג שנת תקכ"ה 1765

ז דְרוּשִׁים עַל הִלְכוֹת פֶּסַח יָצָא לְאוֹר בּוואַרשׁויא בְּיַחַד עִם סֵפֶר שַׁר הָאֶלֶף לְהַגָּאוֹן מהר״ל מִפְּלָאצְק שנת תקע״ו 1816

ח בֵּאוּר עַל הִלְכוֹת קִידוּשׁ הַחוֹדֶשׁ להרמב״ם נִשְׁאַר בכ״י

## ספרי דרוש

א יַעֲרַת דְבַשׁ קִבּוּץ דְרָשׁוֹת אֲשֶׁר דָרַשׁ בְּמַקְהֵלוֹת בִּשְׁנֵי חֲלָקִים יָצָא לְאוֹר בקארלסרוה מִשְּׁנַת תקר״ט עַד תקמ״ב 82 • 1879

ב תִּפְאֶרֶת יְהוֹנָתָן בֵּאוּר עַל חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תוֹרָה יָצָא לְאוֹר בזואלקאווי •

ג אַהֲבַת יְהוֹנָתָן בֵּאוּר עַל הַהַפְטוֹרֶת

ד לוּחוֹת עֵדוּת הוֹצִיא בְּעַצְמוֹ לְאוֹר בְּאַלְטוֹנָא שנת תקט״ו וְהוּא קִיבֵּץ הַמִכְתָּבִים הָרַבִּים אֲשֶׁר הָרִיצוּ אֵלָיו גְאוֹנֵי הַזְמַן בִּדְבַר הַמַחְלוֹקֶת בֵּינוֹ וּבֵין הַגָּאוֹן ר׳ יַעֲקֹב עֶמְדִין •

ה סֵפֶר עַל שֶׁבַע חָכְמוֹת נִזְכַּר בְּסֵפֶר יַעֲרַת דְבַשׁ וְנִשְׁאַר בכ״י :

## ספרי קבלה ומחקר

א פִּנַת הַדַת יְכַלְכֵּל תְשׁוּבָה בְרוּרָה עַל הַשְׁאֵלָה מַדוּעַ לֹא בָרָא ה׳ אֶת הָעוֹלָם מִקוֹדֶם בְּדֶרֶךְ קַבָּלָה, כת״י

ד חוֹבַת הַנֶפֶשׁ עַל הִתְקַשְׁרוּת הַנֶפֶשׁ עִם הַגוּף וְקִיוּמָהּ אַחֲרֵי הַמָוֶת, כת״י

ג אוֹצַר חָכְמָה בֵּאוּר עַל סֵפֶר יְצִירָה, כת״י

ד חוֹבַת הַנֶפֶשׁ עַל הִתְקַשְׁרוּת הַנֶפֶשׁ עִם הַגוּף וְקִיוּמָהּ אַחֲרֵי הַמָוֶת, כת״י

ה זוֹהַר הָרָקִיעַ עַל מַהֲלַךְ הַכּוֹכָבִים, כת״י